מיד בתחילת המלחמה בין רוסיה לגרמניה הלכתי מרצוני והתגייסתי לצבא הרוסי. השתתפתי בקרבות קשים בחזיתות שונות, בסמאלענסק נפצעתי קשה בידי ושכבתי בבית חולים מספר חודשים. כשהחלמתי וחזרתי לכוחותי לאחר המאורע הקשה, קראתי בעתון שהצבא הרוסי כבר מכה בגרמנים על אדמת לובלין. שוב התגייסתי לצבא הרוסי והצלחתי להצטרף לחטיבה משוריינת של טנקים. תוך כדי כבוש ולרוב אפילו ללא התנגדות כלל וללא הפרעה בתנועה כבשנו את ה"חלם" והתכוננו להתקפה מהירה על העיר לובלין.
התקדמנו עם הטנקים ואני מזהה את הכניסה ללובלין מרח' לובארטאווסקע, ליבי הולם בחזקה, כשרצוני לחלוף במהירות על פני אותם רחובות בהם ביליתי את מיטב שנות נעורי, ואולי אמצא יהודי חי? ואפילו ששמעתי על הרציחות ההיטלריסטיות. לפתע נעצר המשוריין שלנו ועל אם הדרך נראים כחמשה עשר גברים רזים, תשושים ולבושי סחבות. אנו קופצים החוצה מהמשוריין ואני מזהה אותם כיהודים. ברוב תדהמה אני שואל אותם מה מעשיהם פה, ואחד מהם מספר לי שכבר 3 ימים שהם מתחבאים בארגזים ומחכים לצבא האדום. הם ברחו ממיידאנק וזאת תודות לגבורתו ותושייתו של אברך מלובלין.

מיהו? אני שואל בסקרנות מרובה.

צדוק גארפינקל, עונה היהודי.
השם הזה הזכיר לי הרבה זכרונות מלובלין היהודית. כיצד עברתי יחד עם צדוק ימים של שמחה וימים של סבל בעיירה, ברחוב, בחברה ובעבודה.
אני מבקש מהיהודים הניצולים שיספרו לי בדיוק את המקרה, ואחד הניצולים החל לספר: צדוק גארפינקל כבעל מקצוע מעולה היה אחראי ראשי במפעלי העורות שברחוב ליפאווע 7, שם עבדו שבויי מלחמה יהודים לצרכי הגרמנים. מדי בוקר לקחוהו שני חיילי אס.אס. ממחנה מיידאנק שם התגורר יחד עם אשתו ובנו למקום העבודה, ובערב תחת שמירה נלקח לביתו. רק לפני שלושה ימים באו למעוננו שלושה אנשי אס.אס. חמושים ואספו 30 יהודים כשביניהם היה גם האברך צדוק גארפינקל. אנו הבנו היטב שהפעם לוקחים אותנו לכבשנים, כיוון שלפי התנהגות הגרמנים במחנה מיידאנק היה לנו ברור שהרוסים קרבים אלינו. כשהרגישו הגרמנים שסופם קרב, רצו לחסל את המעט משארית היהודים שעדיין נותרו בחיים. היינו בטוחים שזו דרכנו האחרונה. התקרבנו לשער, כשלפתע אירע משהו מדהים. צדוק גארפינקל לפת בידיו החזקות את אחד ממלווי האס.אס. ובעוצמה אדירה הרימו לגובה וזרקו על הריצפה, כך ששתי רגליו נכנסו לבטנו, צדוק לא הסתפק בכך ובאותה מהירות שהרימו לגובה התנפל על הגרמני וקרע אותו לגזרים. הגרמנים הנותרים תפסו את המתרחש והחלו לירות. נקוב כדורים ושטוף דם נפל צדוק על הגוף הגרמני המתועב ושם נפח את נשמתו הטהורה.

אנחנו 30 היהודים המיועדים לגירוש נצלנו את המהומה והחילונו לנוס על נפשנו. הגרמנים ירו לעברנו והצליחו להרוג מספר יהודים, אבל אנחנו שאתם רואים פה הצלחנו להמלט ולהגיע הנה, וכבר שלושה ימים שוכבים אנו בשדה הפתוח תחת כפת השמים ללא אוכל וללא שתיה, ורק רעש המשוריינים שלכם הוא זה שבשר לנו את השחרור ולכן הגענו לקבל את פניכם, וכל זה הוא רק תודות לגבורתו של צדוק גארפינקל. מעשה שבמחנה מיידאנק היה בגדר של מקרה נדיר של התגוננות ותקומה.

# רחובות ואנשים בלובלין של פעם
# בהם היו מרוכזים היהודים

בקול לובלין מס' 35 התפרסמה רשימה של זליק וואסערשטרום מניו-יורק - בשפת האידיש ואני מתרגמת קטעים ממנה, בתרגום חופשי.

ציפורה דסקל - וייסלפיש, קיבוץ מרחביה.




חושבני שיש בה רשימה מדוייקת של הרחובות ותכולתם ומפליא זכרונו של האיש.

בין היתר הוא כותב: לובלין לא הייתה עיר תעשייתית, היו בה אי אילה מפעלים ובתי חרושת, כולם בידי הפולנים, בהם לא הייתה דריסת רגל לפועלים יהודים.

בכדי להתפרנס, קמו בעלי מלאכה: חייטים, סנדלרים, כובענים, נגרים, אופים, בעלי עגלה, ספרנים ועוד ועוד. היו גם שעסקו בסחר בדים וחנויות לבגדים ונעלים ישנות, משומשות, יוצא איפה, שהתפרנסו אחד מהשני.

לרובם לא הייתה ידועה השפה הפולנית, כי לא היה מגע ואהבה יתירה לפולנים, שגרו ברובעים נפרדים.

הפרנסה הייתה דלה והחיים קשים, מרים, מלאי יאוש ללא תקווה.

והנה קטע אחד: שני סוחרי בדים ממהרים לפתוח חנויותיהם, אומר בערל פעלד לאהרון שמאראק: לו החזירו לי הדלפונים את שלקחו בהקפה, הייתי עשיר ממש.

עונה אהרון: אל דאגה, מתקרב החג, היהודים יתחילו לעבוד, יחזירו חובותיהם - כדי לקנות שוב בהקפה...

ועוד קטע: ההר השני הנמצא לא הרחק מהר "הארמון" גבה וגבה במשך שש מאות שנים וכשהתמלאו שורות המתים כיסו אותם בחול וכך נוצר מקום לנפטרים חדשים...

אמרו היהודים: "כשההר יגיע עד השמיים - יופיע המשיח עם שופרו הגדול - ובאה הישועה על היהודים".

וקטע נוסף: ר' יוסליה מתקרב לחנותו למי-סודה, מתהלך בקושי ובכבדות. שואלים היהודים: מה ההליכה הכבדה הזו, ר' יוסליה, כאילו משאות כבדים הנך סוחב.

עונה לו האיש: עיניכם לא רואות: בת לי לחתן ועבורה יש לי הכל, חסרים לי רק שני דברים: כסף לנדוניה, וחתן. ובנוסף יש לשלם שכר דירה, לפרנס את אשתי וילדנו, וגם חוב יש להחזיר - וכשסוחב אני "חבילה" כזאת על גבי, איך קלה תהיה הליכתי?

לא יוצא לי להשתמש בשפת האידיש, שפתי עברית היא, אך התענגתי על רשימתו של זליק וואסערשטרום, על זיכרונו המופלא, שפתו העסיסית וכשרונו הסיפורי.

מאוד הייתי רוצה ללחוץ את ידו.

23.7.2001

# יידישע קינדער געראטעוועטע פון מאידאנעק

אן אומגלויבלעכע ידיעה, וועלכע האט זיך אבער ארויסגעוויזן אלס אמת: אין דעם הויז פון פוילישן רויטן קרייץ אויף דער ווישינסקי־גאס אין לובלין, געפינט זיך צווישן אנדערע יידן, א גרופע יידישע קינדער - יתומים אן עלטערן און קרובים.

דער גרעסטער טייל פון זיי זענען קינדער פון מאידאנעק. צוזאמען מיט זייערע עלטערן, זענען זיי געבראכט געווארן פון פארשידענע עקן לאנד אין דעם פארניכטונג־לאגער מאידאנעק, ווו ס'האט אויף זיי געווארט דער זעלבער גורל, ווי אויף די אנדערע, וואס זענען אהין געבראכט געווארן אין חודש יולי יאר 1944.

ווען די דייטשן זענען געצוווּנגען געווען צו פארלאזן די שטאט אין איילעניש, האבן זיי נאך באוויזן אויסצומארדן די עלטערן זייערע. די יידישע קינדער איז ממש דורך א נס געלונגען ניצול צו ווערן פון די רוצחישע הענט.

אויסער די געראטעוועטע קינדער פון מאידאנעק, געפינען זיך נאך אין דעם הויז קינדער, וואס זייערע עלטערן האבן זיי אפגעגעבן צו באקאנטע נישט־יידן נאך פארן פארניכטן די יידישע שטעט און שטעטלעך. איצט ברענגען די נישט־יידן צוריק די קינדער און גיבן זיי איבער דעם יידישן קאמיטעט.

די אויפזיכט איבער די קינדער האט דער לובלינער יידישער קאמיטעט. די קינדער פילן זיך גאנץ גוט אין דער היימישער סביבה צווישן יידן.

אן אנדער נומער פונעם ביולעטין פון דער יידישער פרעסע־אגענטור דערציילט, אז דעם 31־סטן דעצעמבער 1944 איז אין לובלין פארגעקומען א פייערלעכע דערעפענונג פונעם יידישן יתומים־הויז אויף דער ראדזשיווילאווסקע גאס.

אין דריי שיינע, רחבותדיקע צימערן, האט דער ארטיקער יידישער קאמיטעט איינגעארדנט א ווארעמע היים פאר עטלעכע צענדליק יידישע יתומים. די קינדער זענען איינגעטיילט געווארן אין צוויי גרופן. די ערשטע נעמט ארום יתומים אין עלטער פון 4־10 יאר, און די צווייטע - קינדער פון 10 ביז 15 יאר.

אין א ספעציעל־איינגעריכטן זאל פארברענגען די קינדער א גאנצן טאג ביים לערנען און פארוויילונגען.

די ווענט פונעם יתומים־הויז זענען באצירט מיט לאזונגען און צייכענונגען, געמאכט מיט קינדערישע הענטלעך, און א וואנט־צייטונג א״נ ״אונדזער היים״, אין וועלכער די קינדער דערציילן אויף זייער אופן זייערע זכרונות פון די איבערלעבונגען אין די וועלדער, בונקערס און היילן, ברענגען צום אויסדרוק זייערע געפילן, באשרייבן זייערע טרוימען און שטרעבונגען...

די פארבעטענע געסט האט באגריסט די פעדאגאגישע לייטערין פונעם הויז, דאמיעל.

אין א קורצער רעדע האט דער פארזיצער פון צענטראלן קאמיטעט פון די פוילישע יידן, ד״ר עמיל זאמערשטיין, אויסגעדריקט דעם גלויבן, אז די פארזאמלטע, דא ניצול־געווארענע קינדער וועלן אויסוואקסן אלס נוצלעכע בירגער און ווירדיקע יידן.

די קינדער האבן געזונגען יידישע און פוילישע לידער. דערנאך איז ארויסגעטראטן מיט א קאנצערט די באקאנטע יידישע פאלקס־זינגערין דיאנא בלומענפעלד.

(״לייענענדיק יידישע היסטארישע דאקומענטן״).

## האזכרה לקדושי לובלין

תתקיים השנה בבית ציוני אמריקה בת״א

רח' אבן גבירול

ביום שלישי 27 בנובמבר 2001

בשעה 6 בערב

אנו זקוקים מאד

**לספרי יזכור על לובלין**

ביידיש ובעברית

שהופיעו בפאריס ות״א

התורם הנכבד יביא את הספר לאזכרה

תודה

# קדושה אין גלות

/ נ. שמן

**אַ וואָרט אַדער צוויי צו אַ לובלינער פייערונג**

ווען נאָר דער נאָמען לובלין קומט מיר אויפן געדאַנק, דערוועקט עס אין מיר די הערלעכסטע רעמיניסצענצן פון אַן „עיר ואם בישראל", וואָס איז ביזן חורבן השלישי, טיטולירט געוואָרן אַלס „ירושלים דפוילן", און ביי אַ טייל — „די קרוין פון פוילישן יידנטום".

לובלין פאַרנעמט אפשר נישט דעם אויבנאַן, וואָס שייך פוילנס אויפשטייג אויפן געביט פון אינדוסטריע, עקאָנאָמיע, פינאַנס־ווירטשאַפט און קאָמערץ. זי פאַרנעמט אָבער אַ גרויסע ראָל אין פוילנס קאַמף פאַר פרייהייט און אומאָפהענגיקייט, און אַוודאי פאַרנעמט זי די גרויסע ראָל אין דער געשיכטע פון פוילישן יידנטום.

לובלין האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט לומדות, קדושה, אצילות. זאָגט מען אַרויס דאָס וואָרט לובלין — און מ'זעט פאַר זיך דאָס בילד פון אַלט און ניי־לובלין: שעראָקע און לובאַרטאָווסקי, די גרענעצן פון אָרטיקן יידישן תחום, שיינען פאַר אונדז תורה'דיק, קולטורעל און אַזוי יידישלעך.

לובלינס געשיכטע, איז די געשיכטע פון תורה־גיגאַנטן, אָנהייבנדיק פון ר' שלום שכנא ביז ר' מאיר שאַפּיראָ; פון מהרש"ל ביז ר' אלי' קלאַצקין; פון „אייזערנעם קאָפּ" ביזן מתנגדישן ר' הלל ליבשיץ; פון חוזה ביז ר' שלמה'לע איגר — ס'איז די לאַנגע, דורותדיקע קייט פון אצילותדיקער יידישקייט, פון לויטערער יידישער חכמה; פון יסודותדיקער איינגעזעסנקייט, איבער וועלכער אַ שטורעם פון מאָרד האָט זיך פאַרמאָסטן אויסצורייסן...

דאָס יידישע לעבן אין פוילן, איז שוין אין פופצנטן יאָרהונדערט געווען טיף פאַרוואָרצלט אין תורה, הלכה און מנהג. אין פוילן זענען שוין דעמאָלט אַוועקגעשטעלט געוואָרן די יסודות פון העכערע פאָרמען פון לערנען און שטודירן תורה, גייסטיקע צענטערן — און איינער פון די גרעסטע, איז געווען לובלין, דאָרט האָט ר' שלום שכנא, תלמיד פון ר' יעקב פּאָלאַק, אַ געבוירענער אין לובלין, גרויס געמאַכט זיין שטאָט מיטן שאַפן די אָרטיקע וועלט־ישיבה פאַר די בעסטע קעפּ פון אייראָפּעישן יידנטום.

אַרום פערציק יאָר האָט ר' שלום שכנא אָנגעפירט מיט לובלינער רבנות, מיט דער לובלינער ישיבה, וואָס איז געוואָרן באַרימט איבער דער גאַנצער יידישער וועלט. איינער פון אירע תלמידים איז געווען דער פוסק פון אשכנזישן יידנטום, דער „בע"ל המפה" ר' משה איסרלס, באַגרינדער פון הלכה און מנהג (ער איז געוואָרן ר' שכנא'ס איידעם) — און פון דער דאָזיקער ישיבה איז אַרויסגעקומען אַ גאַנצע פּלעיאַדע חכמי ישראל, נאָכפאָלגער פון חכמי צרפת ואשכנז, אויף דעם ברייטסטן פאַרנעם.

נאָך דער פטירה פון ר' שלום שכנא (1558), איז די שטול פון רבנות און מתיבתא נישט געבליבן ליידיק. מיר געפינען אין לובלין אויף די דאָזיקע אַמטן זיין זון ר' ישראל, דעם שוין דעמאָלט באַרימטן ר' שלמה לוריא (מהרש"ל); דעם מהר"ם מלובלין ר' מאיר און נאָך אַ צאָל פון אַזעלכע מאורי הגולה...

✶

יאָ, ס'ווילט זיך אַריינלאָזן אין אַ גרעסערן, ברייטערן און טיפערן שמועס וועגן אָט דער עיר ואם. ס'איז די נאָסטאַלגיע פון לובלינער, וואָס קען זיך נישט באַהערשן פון סענטימענטן און ליבשאַפט־געפילן. ס'ווילט זיך פאַרייביקן יעדן מאָמענט אין דער געשיכטע פון דעם דאָזיקן אייגנאַרטיקן יידישן ישוב, אָבער דאָס איז אוממעגלעך אין די באַגרענעצטע ראַמען פון „קול לובלין".

וויל איך בלויז באַגריסן די לובלינער יידן, וועמענס טעטיקייטן זענען מיר באַקאַנט געוואָרן דורך מיין ליבן פריינד, דעם רעדאַקטאָר דוד שטאָקפיש. דאָס זענען דאָך מענטשן, וואָס האָבן זיך פאַרבונדן און פאַרקניפּט אויף אייביק מיט לובלין — און מיט אַלץ וואָס זי שטעלט מיט זיך פאָר. ניט געקוקט אויף זייערע ראַנגלענישן אין דער ספּעציפיש־שווערער צייט, האָבן זיי נישט פאַרגעסן זייער אָפּשטאַם... זיך גרופּירט אַרום דער געזעלשאַפט, וואָס טראָגט מיט כבוד דעם נאָמען פון דער רומפולער שטאָט, וואָס איר אָרט אין פוילנס אומאָפהענגיקייט איז אייגנאַרטיק.

מיט די עטלעכע ווערטער וויל איך זיך סאָלידאַריזירן מיט די עסקנים, וואָס ניט זייער גראַנגל פאַר לעבנס־עקזיסטענץ און ניט דאָס דערגרייכן אייגענעם גליק און וווילזיין, האָט זיי געקענט דערווייטערן פון זייער היימשטאָט און עד היום זענען זיי געבליבן די „היטער פון דער מויער" — נישט צו פאַרגעסן לובלינער קדושה, לובלינער אידעאַלן...

איך וואָלט אַזוי געקאָנט גיין און גיין אין איין אָטעם — אָבער צו וואָס די איבעריקע רייד? צו וואָס די סופּערלאַטיווע אויסדרוקן?

דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט, האָט דאָס יידישע פאָלק צו פאַרצייכענען:

- די מוראדיקסטע טראַגעדיע אין זיין געשיכטע — טאָטאַלן אומקום אין אַ פאַרנעם, וואָס האָט ניט קיין פאַרגלייך אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט;
- די אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל — די פאַרווירקלעכונג פון שענסטן טרוים דורך אַלע דורות, זינט גלות בבל.

אין אַזאַ תקופה און אונטער אַזעלכע געשעענישן פראַווען די לובלינער די יאָרצייט נאָך דער עיר ואם. זאָל זיין דער ווילן פון דער השגחה, אַז איר און מיר אַלע זאָלן מיט חשיבות טראָגן דעם נאָמען ל ו ב ל י ן, וועמענס אָנזען איז אַזוי גרויס אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, און אירע אידעאַלן, די אידעאַלן פון שלום און גערעכטיקייט זאָל הערשן איבער דער וועלט.

ס'איז מיין און אונדזער אַלעמענס ברכה, אַז די נעסטן פון נעאָ־נאַציזם זאָלן אָפּגעווישט ווערן; די געפאַרן פון אַטאָמישער מלחמה זאָלן באַזייטיקט ווערן און מיר זאָלן זיך קאָנען אויסלעבן אין אַ וועלט פון קדושה, פון שלום און ברידערלעכקייט.

יעקב גלאַטשטיין *

# לובלין, מיין הייליקע שטאָט

לובלין, מיין הייליקע יידישע שטאָט, שטאָט פון גרויסן יידישן דלות און פריילעכע יידישע יום־טובים. דיין יידן־גאַס האָט געשמעקט מיט פרישע, ראָזעווע און געבייטלטע ברויט, געזייערטע אוגערקעס, בשמים, הערינג און יידישן בטחון. דעם רבינס בית־המדרש, די מהר״ם־שיל און די מהרש״ל־שיל, די באַלמעלאָכישע שילעכלעך, האָבן געשאָנקען דעם קודש צום חול פון דעם וואָכיקן גרויסהאַנדל, מ׳שטיינסגעזאָגט. די פאַר־מעליקטע טרעגערס, וואָס זענען געשטאַנען און געוואַרט אויף אַ צווייער, האָבן זיך בינו לבינו אַריינגעכאַפּט אין רבינס בית־המדרש און הנאה געהאַט פון קול יעקב, פון די בחורים מיט די אַטלאַסענע און סאַמעטענע קולעכלעך.

לובלין, מיין הייליקע שטאָט. שטאָט פון אויפגעוואַכטן קלאַסן־קאַמף. דיינע שניידער־יונגען, שוסטער־יונגען, דיינע געזעלן און משרתים, זענען אויפגעשטאַנען איינצופירן יושר, גלייכהייט, ברודערלעכקייט פאַר אַלע „חברים און בירגער״. אַ הייליקער פלאַם האָט זיי געלייטערט די אויגן, ווען זיי זענען מיט שמחה געגאַנגען אין תפיסה און אויפן וועג געזונגען רע־וואָלוציאָנערע לידער.

לובלין, מיין הייליקע שטאָט פון בילדונג־דאָרשטיקע יונ־געלייט און יונגע מיידלעך, פון דעם ערשטן בעז־אַראָמאַט פון יונג־העברעיש און פון דער באַטעמטקייט פון שטאָלצן יידיש, פון חדר מתוקן, הזמיר, פראָפעסיאָנעלע פאַריינען, פון אונדזער געקייטלטער בענקשאַפט קיין אַדעס און קיין וואַרשע, ווו מיר האָבן געציטערט איבער ביאַליק, פרישמאַן, מענדעלי, פרץ, שלום עליכם, רייזן. מיין שטאָט פון פאַרחלומטע מאָלערס, פּאָעטן און פידל־שפּילערס.

לובלין, מיין הייליקע שטאָט מיט דעם אַלט־אַלטן און ניי־אַלטן בית־עולם, מיט די אהל׳ס פון גוטע יידן, קברים, וואָס צו זיי טאָר מען נאָענט נישט צוטרעטן, סיידן אין אַ גרויסער צרה, ווייל די ערד ברענט ממש מיט הייליקייט.

הייליקע שטאָט מיינע, דאָס האָסטו אויסגעבעטן די זכיה פאַר זיך, אַז ווען מען וועט ברענען און בראָטן אַנדערהאַלבן מיליאָן יידן, זאָל מען עס טאָן אין שאָטן פון דיינע קנאָפּע טויזנט יאָר יידישקייט. דעם־אַ הייליקן בית־עולם האָסטו גע־וואָלט פאַר זיך, כדי פון אַלע דיינע הייליקע גוטע ערטער, זאָל ווערן איין הייליק גוט־אָרט פאַר איין גרויסן צדיק — דאָס יידישע פאָלק. כ׳ציי אַרונטער די שיך פון מיינע פיס, ווען כ׳קום צו צום מיידאַנעק־וועלדל. די ערד איז קודש קדשים, ווייל ס׳יידישע פאָלק רוט דאָרט אין שאָטן פון הונדערטער פרומע דורות.

ווער וועט דיך צוריקבויען, מיין הייליקע שטאָט, אַז פאַר־וויסט ביסטו געוואָרן ביז דיינע פונדאַמענטן און ביסט איין מוראדיקע מצבה.

מען שלאָגט שינדלען, מען לייגט דעכער, מען פאַרריכט און מען פאַרניצעוועט אַן אַלטע, פאַסקודנע וועלט. אָבער מיין הייליקע שטאָט, די שטאָט פון מיין וועלט, וועט קיינמאָל נישט צוריק געבויט ווערן...



# נאָר אַ דאַנק „די קאַסע״

פון דער אויסגאַבע „25 יאָר אַרבעט פון דער ערשטער גמילות־חסדים קאַסע אין לובלין״. יובי־לעאום־אויסגאַבע, לובלין, אלול תר״ץ. אונדזער בן־עיר, דער שרייבער נ. שמן פון טאָראָנטאָ, האָט צוגעשיקט די אויסגאַבע, פון וועלכער מיר דרוקן איבער דאָס לייט־אַרטיקל פונעם פּרעזעס פון דער גמילות־חסדים קאַסע, דער קדוש ר׳ משה׳לע איי־זענבערג הי״ד און פון ש. י. סטופּניצקי.

די ערשטע גמילות־חסד־קאַסע אויף לובאַרטאָווסקע האָט זיך שוין איר פאַרקירצטן נאָמען, מיט וועלכן זי ווערט באַצייכנט דורך איר גרויסער צאָל מיטגלידער; מיט רעס־פּעקט ווערט זי אָנגערופן סתם „די קאַסע״.

איך וויל אייך שילדערן, ווי אַזוי נאָר אַ דאַנק „די קאַסע״ ערנערן זיך הונדערטער פאַמיליעס מיט אַ הלואה פון 50 זל.. צי האָט איר געגלויבט, אַז מיט אַזאַ קליינע סומע, קאָן מען ווירקלעך אויפלעבן און זעטיקן קינדערלעך? באַקענט אייך מיט די מיטגלידער — און איר וועט אייך איבערצייגן.

1) אַ שטענדיקע מיטגלידערין פון דער גמ״ח קאַסע, איר האַנדל איז מיט גרינוואַרג אויפן טאַרג, די גאַנצע סחורה באַטרעפט 40—50 זל., אָבער ווו נעמט זי אַזאַ פאַר־מעגן?... אַ פערשטענדיקן ענטפער דערויף האָט געגעבן די קאַסע.

2) פון וואַנען לעבט אַ ייד? אָט קויפט ער אויף אַ הון, אַ קעלבל, אַ ביסל תבואה. ער לאַגערט עס נישט ביי זיך, נאָר פון האַנט צו האַנט פאַרקויפט ער און כאַפּט אַ פּאָר גראָשן. ווו אָבער האָט ער גענומען די ערשטע 50 זלאָטיס, וועלכע מען מוז צאָלן דעם פויער? — אַלץ „אין קאַסע״.

3) זי האָט געשלאָסן אַ קאָנטראַקט... מיט דעם נאָענטן דאָרפס־פויער, ביי וועמען זי דאַרף אָפּנעמען די מילך פון זיינע בהמות. אין שטאָט צעטראָגט זי די מילך און פאַרדינט אויף לעבן. מען מוז אָבער קודם כל איינצאָלן דעם פויער 50 זלאָטיס — און ווו נעמט מען דאָס פאַרמעגן? — אַלץ „אין קאַסע״.

4) דאָס פאַרפאָלק שטייט מיט אַ שטעלע אויפ׳ן טאַרג, זיי פאַרקויפן יידישע קינדערלעך אַלדאָס גוטס: צוקערלעך, שאָקאָלאַד, באַניקערן. שווער איז אָבער געווען איינצוקויפן דעם לאַגער סחורה. פון אַ פערמעגן פון 50 זלאָטיס האָבן זיי קיינמאָל נישט געחלומט. אַ גוטער שכן האָט זיי אַרויפ־געפירט אין קאַסע און זיי האָבן זייער ציל דערגרייכט. אַלץ „אין קאַסע״.

5) דער „יום־הדין״ אין מאַגיסטראַט! מען מוז די דראָזשקע לאַקירן, אַלץ אַ ביסל איבערפּוצן און באַנייען. עס דאַרף אָבער קאָסטן 60—50 זל., צו וועלכע נישט יעדער דראָזשקאַזש קאָן גרייכען. אַ גאַנץ יאָר שטופּט מען דורך, אָבער וואָס טוט מען נאָך ניי־יאָר? ווו נעמט מען די סומע, צו קאָנען זיך דערהאַלטן ביי דער פרנסה? אַלץ „אין קאַסע״.

6) זאָרגט אַ שניידערין: זי וואָלט געהאַט פרנסה בריווח, אָבער צו קויפן אַ מאַשין, מוז מען לכל הפחות געבען 60—50 זל. די ערשטע ראַטע, אָבער קיין געלט איז נישטאָ... זי באַקומט אָבער די סומע „אין קאַסע״.

הונדערטער בילדער, זייער אינטערעסאַנטע, קאָנט איר זען אין דער גמ״ח קאַסע. אַלע קומען באָרגן געלט, כדי ערלעך צו האַנדלען און מיט צופרידנקייט באַצאָלן.

ווען איר ווילט עפּעס טאָן ממשותדיקס, שטיצט די קאַסע, עס זאָל קיין געלט נישט פאַרפעלן און דער קוואַל זאָל נישט אויסטרוקענען.

לובלין, מנחם־אב, תר״ץ.

**משה אייזענבערג**
פאַרוואַלטונגס־פּרעזעס פון דער
ערשטער גמ״ח קאַסע אין לובלין



teatrnn.pl

# זכרונות פון מיין היימשטאט

איתמר שוואַרץ, תל־אביב

מיט מיינע זכרונות וויל איך אויפלעבן אייניקע געשעענישן און פאקטן פונעם אמאל ברויזנדיקן, יידישן לובלין, דעם פארצווייגטן היסטארישן ישוב, וועלכער האט אין משך פון דורות ארויסגעגעבן בארימטע רבנים און געלערנטע וואס האבן געשאפן וויכטיקע גייסטיקע ווערטן פארן יידישן פאלק; די שטאט פון ועד ארבע ארצות וועלכע האט באנייט די יידישע געזעצגעבונג; די שטאט מיט מאנומענטאלע שולן, בתי־מדרשים און וועלט־בארימטע ישיבת חכמי לובלין, שוין אפגערעדט פון ברייט־פארצווייגטע רעליגיעזע, קולטורעלע און געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס — יתומים־הייזער, יידישן שפיטאל, הדרים און וועלטלעכע יידישע און העברעישע שולן און גימנאזיעס, א לאקאלע טאג־צייטונג, ספארט־קלובן, פאליטישע פארטייען און יוגנט־ארגאניזאציעס, וועלכע האבן געטראגן ליכט און וויסן, איינגעפלאנצט דעם גלויבן אין א שענערער און בעסערער וועלט און אויך פיל בייגעטראגן צום אויפבוי פון מדינת ישראל.

לובלין, — מיט אירע צענדליקער גאסן און געסלעך; פאבריקן און ווארשטאטן; סוחרים און ארבעטער — די צענדליקער טויזנטער אונדזערע נאענטסטע און אומפארגעסענע לויטערע נשמות, וואס האבן געלעבט און געווירקט אין גייסט פון דער תורה, עבודה, צדקה און מעשים טובים.

אן א פארוואס האבן די דייטשע ברבארן אלץ חרוב געמאכט, פארפייניקט און פארגאזט די יידישע לובלין, אונדזערע קדושים און טהורים וואס זענען אוועק מיטן רויך פון די קרעמאטאריעס.

די דורות־לאנגע געשיכטע פון יידישן לובלין איז תמיד געווען דורכגעזאפט מיט בלוט, פיין און ליידן. אין אלע צייטן האט מען געמוזט זיין וואכזאם, כדי אפצושלאגן די אטאקעס פון די שונאים, זיך פארטיידיקן קעגן בלוט־בלבולים, קעגן עקאנאמישן בויקאט, פאגראמען און אנדערע אנשיקענישן. די קעניגן, פירשטן און אנדערע הערשער האבן געזויגן דאס בלוט דורך פארשידענע שטייערן און ספעציעלע געזעצן, וועלכע האבן פארארעמט און אויסגעמאטערט די יידישע באפעלקערונג.

זייער וואגיק איז געווען דער יידישער אנטייל אין דער אלגעמיינער אנטוויקלונג פון דער שטאט — אין האנדל, קליין־אינדוסטריע, באנק־וועזן און פאבריקאציע, ווי די באוווּסטע ביר־און בראנפן־ברויערייען פון שטערנפינקל, זילבער און אייכנבוים; די גארבעריי־פאבריקן פון בריקמאן און זילבערשטיין, אין וועלכע עס האבן אויך געארבעט צענדליקער קריסטלעכע ארבעטער; אין דער צווישן־שטאטישער קאמוניקאציע; עס איז אויפגעבויט געווארן די פרעכטיקע „ישיבת חכמי לובלין” אין וועלכער עס האבן געלערנט הונדערטער תלמידים פון אלע עקן וועלט און צו וועלכע עס זענען יאר־יערלעך געקומען טויזנטער אויסלענדישע באזוכער און עלטערן. דאס אלץ האט פיל בייגעשטייערט צום וווילשטאנד פון דער שטאט.

שווארצע וואלקנס האבן ווידער פארצויגן דעם האריזאנט און אנגעזאגט א שטורעם. דער גראנגל צווישן דער ענדעציע און סאנאציע וועגן דער געשטאלטיקונג פון פוילן איז געווען אין פולן ברען.. די רעאקציע האט ווידער אויפגעהויבן דעם קאפ און אפן דעמאנסטרירט איר שנאה צו דעמאקראטיע און צו יידן. אן אנטיסעמיטישע כוואליע האט אנגעהויבן פארפלייצן די שטאט. די אנטיסעמיטישע צייטונגען „גלאס לובעלסקי” און „זשעמיא לובעלסקא” זענען טאג־טעגלעך ארויס מיט העץ־ארטיקלען, פארשפרייט שקרים קעגן יידן, געשיט פעך און שוועבל, וואס האט טאקע געגעבן רעזולטאטן.

כוליגאנעס און מעסער־שטעכער האבן אנגעהויבן „ארבעטן” אין אלע צענטראלע פונקטן פון שטאט. די סטודענטן פון לובלינער קאטוילישן אוניווערסיטעט — די צוקונפטיקע גלחים און מאראל־פרעדיקער וועגן מענטשן־ליבע — האבן זיך גענומען די היילקע מיסיע פון זייער לערער און וועגווייזער פאר די פאגראמשטשיקעס. זיי האבן אוועקגעשטעלט פיקעטן נעבן יידישע געשעפטן, נישט ארייגעלאזט קיין קריסטלעכע קונים; אייגנטימער פון קריסטלעכע צוקערניעס, וואס האבן עקזיסטירט א דאנק דער יידישער קליענטור, האבן ארויסגעהאנגען אויפשריפטן, אז יידן זענען נישט געווונטשן. אין די באנען און עפנטלעכע אונטערנעמונגען, אויף פוטבאל־מעטשן — איז מען געווען בדראט מיטן לעבן. רעקרוטן האבן ראבירט יידישע געשעפטן; מען האט ארייגעשטעלט א צלם אויפן שטח פון יידישן בית הקברות. איבערטרעטן די שוועל פון זאקסישן גארטן איז פאר יידן געווען געפערלעך צוליב דעם אומגעשטערטן כוליגאניזם און אנפאלן. די מונדירטע שומרים האבן נישט געזען און נישט געהערט די הילפס־רופן פון די צעשלאגענע יידן. (ווען איך שרייב די דאזיקע שורות, פיל איך נאך די קלעפ פון די גומענע שטעקנס, וואס מיר האבן ארייגעכאפט פון די כוליגאנעס).

דער פרעכטיקער שטאטישער גארטן מיט די מאלערישע אלעען, וואסער־פאנטאנען, בלומען, מיטן בערגל ארום דער „תליה” ווו מען האט אמאל געהאנגען פוילישע פאטריאטן — פרייהייטס־קעמפער, איז געווען א צוציונגס־ארט פאר דער שטאטישער באפעלקערונג, בפרט פאר דער יוגנט. דארט פלעגן פארקומען צוזאמענטרעפן, ווו מען האט דיסקוטירט וועגן כל־ערליי וועלט־פראבלעמען, געטרוימט וועגן רעוואלוציע און פעלקער־פארברידערונג.

צערונען דער שיינער חלום אין אנבליק פון דער גרויער ווירקלעכקייט — געבליבן איז ביטערע אנטוישונג...

# יידישע גבירים אין פארמלחמהדיקן לובלין

**יוסף אכטמאן**

אונדזער לובלין, אַ שטאָט פון בערך 45 טויזנט יידן, האָט קוים פארמאָגט אַ צווי ביז דריי צענדליק גבירים, נישט קיין מיליאָנערן. מ׳האָט אפילו דערציילט, אז קאָפּל קעניגסבערג האָט אין „באנק פּאָלסקי״ געהאט אַ זכות צו אפּעריר ביז אַ מיליאָן רובל (אפשר אַ ביסל איבערגעטריבן). קיין פאבריקן אין לובלין זענען כמעט נישט געווען אין יידישע הענט, אויסער די דריי גארבארניעס פון אייכענבוים, בריקמאן און זילבערשטיין, וואָס זענען אויך געווען אייגנטימער פון הייזער, די גאָזשעלניע פון הערשל זילבער, מיט דער אזוי גערופענער „פּסחוווקע״, מיט וועלכער אויך גויים האָבן זיך אָנגעשיכורט; די 2 — 3 פרימיטיווע פאבריקן פון סאדע־וואסער אויף דער בראווארנע־גאס און זאקן־סקארפּעטקעס פאבריק פון קרעמפּעל, טאקע אַ פאבריקאנט, דווקא א סאָציאליסט, פון די אָנפירנדיקע חברים פון „בונד״, אויף דער סטאשיצא־גאס; די אלעיאַרניע אויף דער שעווסקא־שוויענטאדוסקא. איך מיין, אז דאָס איז אלץ... די רעשט אינדוסטריע איז שוין געווען אין גויישע הענט, ווי די וואָגן־פאבריק פון העס אויף לובארטאווסקא, די זייף־ליכט־פארבן פאבריק פון שולץ; די מיל פון קראוזע; די כעמישע פארבעריי פון געטצע. דער בראוואר פון פעטער און די גרויסע אונטערנעמונג פלאגע־לאשקעוויטש פון מאשין־טיילן פאר אויטאס און עראָפּלאנען. די פאבריק פון לאנדווירטשאפטלעכע מאשינען פון וואָלסקי.

וואָס שייך די יידן — דאָס זענען טאקע געווען „אנגעשטאפּטע גבירים״ — ווי מען האָט זיי גערופן אין לובלין: שמואל אייכנבוים, אייגנטימער פון אַ „מאַיאנטעק״ אונטער לובלין, וווּ אונדזער יוגנט האָט געמאכט די הכשרה, איידער זי איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל; אן אייגן הויז אויף דער קרולעווסקא־גאס; שאול וואלמאן — אַ גרויס אייזן־געשעפט אויף לובארטאווסקע עק צירולניטשע; ווי דערמאָנט קאפּל קעניגסבערג, מיט אַ צווייט הויז אויף דער ניעצאלע־גאס, אויסער רינעק 1.

אלזא, די גבירים זענען טאקע געווען די אייגנטימער פון הייזער, די אזוי גערופענע „קאמיעניטשניקעס״. זאלן מיר אנהייבן פון דער שוויענטאדוסקע נר. 8, ווו דער שרייבער פון די שורות האָט געוווינט — דאָס הויז פון זילבערשטיין. אַ קוריאז: שמילעק, אַ זון פון דעם „בורזשוי״ זילבערשטיין, איז געווען אַ קאָמוניסט, וואָס האָט נישט איין מאָל אָנגעפירט מיט אַ שטרייק אין טאַטנס גאַרבאַרניע, כדי צו פארבעסערן די סאָציאלע פארזיכערונג און לוינען פון די ארבעטער. שמילעק זילבערשטיין האָט חתונה געהאט מיט יוסטינא ראפּאפּאָרט, אויך אַ קאָמוניסטקע, וואָס האָט אונטערן נאָמען יוסטינא סיער געקעמפט קעגן די דייטשן אין דער רעזיסטאנס־באוועגונג אין פאריז. נאָכן קריג געקומען צוריק קיין פוילן און דאָרט געשטאָרבן. ער אליין, שמילעק, ווי מען האָט דערציילט, איז אלס טראָצקיסט פארשיקט געוואָרן אין רוסלאנד און געשטאָרבן אין אַ לאגער אין די בערג פון אוראל.

כאראקטעריסטיש, אז דער רוב פון דער לינקער יוגנט, קאָמוניסטן, זענען געווען פון פארמעגלעכע עלטערן. אין דעם בארימטן פּראָצעס פון „רעווקאָם״ (רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט), האָט מען פארמשפּט די פעדערווונע, אַ טאָכטער פון דער אלמנה, אייגנטימערין פון אַ הויז אויף שעווסקא. צום סוף איז זי געוואָרן אויסגעטוישט קיין רוסלאנד.

איך געדענק אויך אַ צווייט הויז אויף דער קראָקאָווסקא, נאָך דעם גרויסן קליידער־געשעפט פון שפעט — די פרידמאנווונא, אַ טאָכטער פון גביר, אַ גרויסער סוחר און פארטרעטער פון די צוקער־פאבריקן. די זיגמונטווונא, אַ טאָכטער פון אַ ציין־דאָקטער אויף דער בראמאָווא־גאס און אייגנטימער פון אַ הויז, ווו עס האָט געוווינט בראָמבערג, אַ זון פון אַ פארטרעטער פון האָפּן (אַ געוויקס צו פאבריצירן ביר). געהאט אן אייגן הויז און סקלאדעס פאר האָפּן אויף דער אָגראָדאָווא־גאס, אַ טאָכטער פון דעם בארימטן אדוואָקאט ביר, אויף דער קראקאָווסקע, אין הויז פון פּאָלאק איוואניצקי.

ווי איר זעט, האָט נישט די אָרעמקייט און נויט געצוווּנגען די יונגע מענטשן צו קעמפן פאר דעם קאָמוניסטישן אידעאל. קאָן מען דאָך מיינען, אז לובלין איז געווען אַ קאָמוניסטישע פעסטונג אויף דער יידישער גאס. אָבער דער געדאנק איז פאלש. לובלין איז גראָד געווען באקאנט מיט פיל־פיל קעמפער פאר דער ציוניסטישער באוועגונג. לאָמיר נאָך דערמאָנען אייניקע געשטאלטן: י. קערשמאן, ז. ניסענבוים, ע. שיינברון, מ. זיידנמאן, אדוו. מ. אלטען, שפּער, שיף, זשיטאָמירסקי, ווייסלפיש, י. ווייסבראָט, ל. שיפּער און אנדערע.

פון שוו.־דוסקא גייען מיר ווייטער צו די צוויי הייזער, טיף געבויט, אז מען האָט זיי געזען אויך אויף דער זיעלאָנא־גאס — די געביידע פון ליכטנשטיין, אַ סוחר פון וויין, ביר און אנדערע געטראנקען. סוף שוו.־דוסקא עק לובארטאָווסקע, האָט איר געהאט דאָס הויז פון דער גבירטע רייזעלע גאָלדרינג. אַ ביסל ווייטער — בייערס גרויס, לאנג הויז מיט דער קארמעלקעס־פאבריק. נאָך ווייטער פון האלינא טורקעלטויב,

באלד ביי דעם טייך און אויף דער אנדערער זייט טייך, אויף דער בראָווארנע, ווי פריער דערמאָנט, דער פלאַץ און הויז פון שטערנפינקעל — און אָט האָט איר שוין קאצענעלענבויגנס בארימט הויז לובארטאָווסקא 24, ווו ס׳האָט זיך געפונען די גילזן־פאבריק און דער זאל פון די האנדלס־אָנגעשטעלטע באקאנט אויך מיטן נאָמען „סטאָוואזשישעניע סוביעקטווו״, ווו ס׳זענען פאָרגעקומען פאָרלעזונגען, מאסקן־בעלער, פארזאמלונגען. דרך־אגב, ישראלס אייניקל, אַ זון פון זיין טאָכטער, איז דער גוט באקאנטער אין ישראל — אלמגור.

אַ ביסל ווייטער — דאָס הויז פון יחזקאל שיפער, אַ גביר אַ בר־מזל, וואָס האָט געוווּנען אויף דער לאָטעריע דאָס העכסטע געווינס — 75 טויזנט רובל. נאָך אַ פּאָר קלענערע הייזער און איר האָט שוין דאָס הויז פון דעם גביר ריימאן, באווינט מיט קבצנים, אָרעמעלייט, וואָס נישט נאָר וואָס זיי האָבן נישט געצאָלט דירה־געלט, נאָר פאר וועלכע דער בעל־הבית ריימאן האָט ערב־שבת געשיקט אַ טייל לאָקאטאָרן אַ חלה און ווייַן אויף קידוש.

נאָך דעם יידישן שפּיטאָל — אַ פּוסטער, גרויסער פלאַץ אויף דעם וועג קיין לובארטאָוו־לענטשנא, איז געשטאנען דאָס הויז פון דער גוט באקאנטער פאמיליע שיף, אַן אייגנטימער פון אַ צעגעלניע. רעכטס אויף לובארטאָווסקא־גאס — דאָס הויז פון קאָפּל וורמאן, מיט דעם גרויסן קאָלאָניאל־געוועלב. אויף דער אנדע־רער זייט טייך — דאָס הויז פון ווארהאפטיק. אויף דער קאָוואלסקא־גאס האָט איר געהאט פיל געביידעס מיט אָפיצינעס, וואָס האָבן זיך געצויגן ביז דער צירולניטשע־פורמאנסקא־גאס, פון פייגעלע אברהם־לייזערס. דווקא אויף איר נאָמען, ווייזט אויס, אז זי איז „געגאנגען אין די הויזן״. אנטקעגן — דאָס הויז פון נגיד באָרענשטיין. אָט גייען מיר צוריק צו דער נאָווא־גאס, מיטן הויז פון ביירעך קאָלבערג פון דער נאָווא־אָלעינא, ביז דעם בארג לינקס, ריבנא־קאָווא־לסקא. אויף דער בראמאָווא־גאס פון דער גביר׳שער משפחה שיינברון, ווו ס׳האָט געוווינט דער דאָקטער צימבערג — אָרדינאטאָר פון יידישן שפּיטאָל און די קאָמוניסטקע הערצמאן, וועלכע איז אין די פופציקער יאָרן געווען אין ישראל, צוזאמען מיט איר מאן, דעם קאָנסול אָסטראָווסקי.

אויף דער גראָדזקע־גאס האָט איר געהאט דאָס הויז פון פינקעלשטיין, לאנג ביז דעם בארג. רעכטס, צו ריבנע־קאָוואלסקא, דאָס הויז פון לייבל געווערץ. נישט ווייט פון דעם הויז פון די זילבערס, אויף דער ארכידיאקאָנסקא־גאס, ביי דער ברום סוף גראָדזקא, באלד נאָך ניסענבוימס ביכער־געוועלב — דאָס הויז פון די קליינמאנס, דער פאָטער פון דוד קליינמאן דער אויגן־דאָקטער, וואָס איז געשטאָרבן אין ישראל. ער איז געווען דער איינציקער יידישער באאמטער אין לובלינער מאגיסטראט.

נאָך אַ פּאָר גבירים־אדירים אויף דער ראדזשיווי־לאָווסקע־גאס : דער פאָטער פון רעדאקטאָר „מישל זשידאָווסקא״, פרייטאג, ווו ס׳איז אין די יאָרן 1914—1916 געווען שפערס גימנאזיע און דערנאָך — אין הויז פון ראָשגאָלדן.

אויף דער זאמאָיסקא־גאס, נאָך אַ הויז אויף דער נאמיעסטניקאָווסקא־גאס, פון אַן אנדערן ראָשגאָלד — אנטקעגן דעם „האָטעל פאָלסקי״, פון דעם גביר אייבעשיץ. מען ווייסט צו דערציילן, אז דער דאָזיקער ראָשגאָלד איז געוואָרן שטארק פאראָרעמט, ווייל אין די יאָרן 1920/21, בשעת דער דעוואלואציע פון זלאָטי, האָט ער פארקויפט די נחלה, אָבער פאר די מיליאָנען זלאָטיס האָט ער קוים־קוים געקויפט אַ שעכטל סיגארעטן.

אויב מיר זענען אויף דער זאמאָיסקא, זאָלן מיר נישט פארגעסן די גבירים סלאָבאָדקין, ערליך (איג־האבער פון אַ מיל און פלעצער), פון דער פאמיליע ערליך, באוווסטער טעאָרעטיקער און מנהיג פון „בונד״, וועלכער איז דערמאָרדעט געוואָרן אין ראטן־פארבאנד, צוזאמען מיט וויקטאָר אלטער.

אויף דער צענטראלער גאס, קראקאָווסקיע־פּשע־דמיעשטשע, דאָס הויז פון דעם אויגן־דאָקטער זיידענ־מאן, נישט קיין געוואלדיקער גביר. אויף דער שאָפּענא־גאס, דאָס הויז פון לייב טענענבוים, ווו ס׳איז געווען דער „קלוב טאָוואזשיסקי״, ווו לובלינער אדוואָקאטן און סתם אינטעליגענטן — „נאָכשלעפּערס״ האָבן פארברענגט די אָוונטן ביי קאָרטן, פלאָטקעס, מוזיק און טענץ. און נאָך 2 יידישע הייזער אויף קראקאָ־ווסקיע־פּשעדמיעשטשע : לייזער לוצקיס און ראָטרו־בין, צוזאמען מיט דעם שותף וויידנבוים, ביים זאַק־סישן גאָרטן. די צוויי דערמאָנטע גבירים זענען פון אייגענער, שווערער פראצע, דערגאנגען צו אַ פארמעגן.

כדאי צו דערמאָנען די וואלד־סוחרים : די משפחה מ. גרין, וואָס אויסער וואלד, האָבן זיי עקספּאָרטירט שמאטעס פאר אויסלענדישע פאבריקן ; געווען אויך בעלי־בתים פון אַ הויז אויף דער שעראָקא־גאס ביי דער מהרש״ל שול, אַ צווייט הויז אויף דער רוסקע, און דאָס דריטע הויז — אויף דער ביכאַווסקע.

אהרהלע כהנא און בורשטין — האָלץ־סוחרים, באזיצער פון צוויי הייזער אויף לובארטאָווסקא, רעכטס נאָך דער רוסקא־גאס. און דאן אויף דער טשיכא־גאס — נישט קיין אביונים : גאָזשעטשאנסקי, זיסערמאן — אימפּאָרטערן־פּארטרעטערס פון נאפט, זאלץ, קוילן, צוקער און אויך מאַשינען — דער עיקר פון שוועדן.

איך מיין, אז דאָס זענען שוין אלע, אָדער כמעט אלע. און זאָלן מיר מוחל זיין די אנדערע אין גן־עדן, וואָס כ׳האָב זיי נישט דערמאָנט, חס־וחלילה צו פארמינערן זייער כבוד...

אין די הייזער האָבן געלעבט, געוווינט נאָר יידן, אָרעם און רייך — אלע גלייך, נאָר יידן. און דער איינציקער גוי איז געווען דער סטרוזש, וואָס פאר אַ מוציא חלה, האָט ער שבת אָנגעצונדן די קיך, ווינטער — דעם אויוון און אראָפּ גענומען די לייכטער פון אַ יידישן טיש...

# וואַלעכמאַנס טאַנץ־זאַל

**יוסף בן־רשקה**

אין אָנהייב פון דער גראָדזקע גאס, אין רינעק, האָט זיך געפינען דער טאנץ־זאל פון וואלעכמאנען, באקאנט אויך מיטן אָפיציעלן נאָמען אין דער פוילישער שפראך: "שקאָלאַ טאַנצווו וואַלעכמאַנאַ" – דער אמאָליקער "דיסקאָטעק" פאר דער יידישער יוגנט אין לובלין, ווו מ'האָט געהאט א מעגלעכקייט צו לערנען זיך טאנצן און אויך טאנצן דאָרט, נאָכן אויסלערנען זיך; כאפן אַ פלירט און צודריקן זיך, ווי עס פירט זיך ביי א טאנצנדיק פאָרל.

די אמאָליקע טענץ זענען געווען גאָר עפּעס אנדערש אנטקעגן די היינטיקע "משוגענע" טענץ, מיט זייערע ווילדע פיגורן, ווי מען דרייט זיך און מען ווארפט זיך אין אלע זייטן, די הענט מיט די פיס הערן נישט אויף צו באוועגן זיך. ווי קומט דאָס אלץ צום אמאָליקן ראָמאנטישן וואלס, קאָנטערעדאנס, די פאָלקע און פאָלקע־גאלאָווקע, שוין אָפּגערעדט פונעם סענטימענטאלן טאנגאָ, ווען קערפּער טוליעט זיך צו קערפּער, נאָר מיט א סך צערטלעכקייט און איידלקייט. און אָפּגעהיטן זאָל מען געווען ווערן, ווען עמעץ פון די בחורים האָט אינמיטן טאנץ זיך דערלויבט אויף א נישט פיינעם, "כשרן" זשעסט. לויט די געזעצן פון וואלעכמאנען, איז געווען וויכטיק אָפּצוהיטן דעם האלב פראנצויזישן, האלב פוילישן טאנץ־טריט ("טאַנעטשני קראָק"), דעריבער זענען אלע אנדערע "פוילע שטיק" געווען פארבאָטן. אויב ווער פון די טענצערס האָט דאָך עובר געווען אויף די כללים, האָט ער שוין געקאָנט לאנג ווארטן, ביז א לייטיש מיידל זאָל געבן איר הסכמה מיט אים צו טאנצן.

יעדן שבת־צו־נאכטס איז אין וואלעכמאנס טאנץ־זאל פאָרגעקומען די א.ג. "אָגולנע" – אן אלגעמיינער טאנץ־אָוונט, מיטן אנטייל פון די, וואָס האָבן זיך נאָך געלערנט טאנצן און די וואָס האָבן שוין פארענדיקט די לערע. מיט אנדערע ווערטער – די "ספּעציאליסטן" און די "לערנייינגלעד" און "לערנמיידלעך" האָבן געהאט די מעגלעכקייט זיך צו באווייזן מיט זייערע דערגרייכונגען. דער אָפּצאָל איז געווען איין זלאָטי. פארשטייט זיך, אז געצאָלט האָט דער בחור. ס'האָט געהייסן, אז ער "פונדעוועט".

אויף דער "אָגולנע" זענען געווען גאָר אָנגעלייגטע געסט די שילערס פון שפּערס גימנאזיע, וועלכע מ'האָט גערופן "שפּערלאקעס". ס'איז געווען א כבוד צו טאנצן מיט אזא "שפּערלאק", ווייל מ'האָט זיי געהאלטן אויך פאר סטודענטן און "די סמעטענע" פון דער יידישער יוגנט אין לובלין.

מיט די טענץ אויף דער "אָגולנע", האָט אָנגעפירט וואלעכמאן אליין און געזאָרגט פאר די געהעריקע פיגורן, קרייזן, "קייטעלעך" און אנדערע כללים, ווי "א פאָרל אונטער א פאָרל", אָדער דער באפעל אויף פויליש "דאַמי אַוואַנסויאָן", ד.ה. אז די פרויען אוואנסירן, זיי דארפן שפּאנען פאָרויס. און אויב דאָס איז אים געפעלן געוואָרן, האָט ער באפוילן "יעשטשע ראַז", נאָך אמאָל.

צו די אלע טענץ, האָט צוגעשפּילט דער פידלער דוד אקערמאן, אָדער דער בלינדער משה – אלץ אָן נאָטן. מיט זייער שארפן געהער, האָבן זיי אויפגעכאפּט און זיך צוגעאייגנט די קלאנגען פון אלע טאנץ־מעלאָדיעס און באגלייט די טענץ מיט די טענצערס. איך געדענק גוט, ווער עס האָט אקאָמפּאנירט די פידלערס אויף דעם אלטן, הייזעריקן פּאָרטעפּיאן – וואלעכמאן בכבודו ובעצמו. בדרך כלל איז די יידישע לובלין געווען געבענטשט מיט גוטע, אפילו טאלאנטפולע מוזיקערס.

דער פריער דערמאָנטער דוד אקערמאן, וואָס האָט געקענט שפּילן אויף אלערליי מוזיקאלישע אינסטרומענטן (איינער פון זיין משפחה דארף זיך געפינען אין ישראל, אין כפר־סבא). צו דער פלעיאדע לובלינער יידישע מוזיקערס, האָבן אויך געהערט דער פאָטער און זון שפּילפויגל, ביידע באגאבטע קינסטלער. דער פעיקער וויאָלענטשעליסט און סאקסאָפאָניסט ראָזענר־ב, וועמענס פאָטער האָט ארענדירט דעם "הזמיר"־ זאל אין לובלין. די צוויי פידלערס, אויך א טאטע מיט א זון – די פערנאנדס. דער ראדיאָ־קינסטלער ראָזענשער, וואָס געפינט זיך אין לאנד. דער עיקר האָבן זיי געשפּילט אין די קינאָס "קאָרסאָ", "קאָלאָסעאום" און אנדערע, אין דער תקופה פון די שטומע פילמען. זיי האָבן געוווּסט ווען און ווי אזוי צוצופּאסן זייערע טענער צו דעם וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויפן עקראן: פרייד און טרויער, ווי אויך אנדערע דערשיינונגען. מ'האָט זיך געקענט פארלאָזן אויף זייער מוזיקאלישן חוש.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך דערמאָנען, אז די צוויי בארימטע מוזיקערס, די פאמיליע מנזה, זענען קינדער פון א לובלינער מוטער, מאניע לאנדאו ז"ל, וואָס איז צוזאמען מיט איר טאָכטער, וועלכע האָט געפירט א פרעבל־שול אויף דער זשעלאָנא־גאס אין לובלין, געקומען קיין ארץ־ישראל אין יאָר 1918; איך דערמאָן זיך, אז מיט א 70 יאָר צוריק, האָט אין לובלין געגעבן קאָנצערטן אן 8־יאָריק וווּנדער־קינד, א פידלער, מיטן פאמיליע־נאָמען פרידמאן, וואָס האָט שפּעטער עמיגרירט קיין אמעריקע. זאָל אויך דערמאָנט ווערן די בארימטע פּיאניסטין פישמאן, וואָס האָט פארלאָזט לובלין און אויפגעטרעטן מיט קאָנצערטן אין דער גרויסער וועלט מיט א סך דערפאָלג.

# דער דרדקי־חדר פון לאנגן משה

**יוסף אכטמאן**

אפילו אין מיין איצטיקן עלטער (92 יאָר), איז מיר נאָך אלץ שווער זיך אויסצוהיילן פון דער "קראנקייט" וואָס הייסט לובלין. א סברה, אז דער באקציל פון דער אלטער היים איז טיף פארוואָרצלט אין זכרון און באוווסטזיין. הגם מיינע זכרונות זענען פערזענלעכע, זענען אָבער די שילדערונגען פון אלגעמיינעם כאראקטער, ווייל אין אזא דרדקי־חדר האָבן דאָך געלערנט א סך לובלינער קינדער.

די נאדסטאַוונע גאס איז געווען באקאנט מיט איר גרויסער צאָל חדרים. כמעט אין יעדן הויז האָט זיך געפונען א חדר. איך געדענק עטלעכע פון זיי, וואָס זענען שוין נישטאָ און וועלן נישט זיין מער, ווי אויך זייערע רבי׳ס די מלמדים, וואָס זענען געווען באקאנט פון זייערע צונעמען – און נישט פון די פאמיליע־נעמען, ווי: דער בלינדער געצל, דער גראָבער ברוך, דער לאנגער משה און אנדערע.

דער מלמד געצל איז געווען בלינד נאָר אויף איין אויג, וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט א שאָל פון א וועלטשענער ניס און די ברילן פאר דעם זעעוודיקן אויג, זענען געווען אָנגעהאָנגען אויף די אויערן מיט א שטריקל. דער פּופּיק, דער גראָבער ברוך, דער לאנגער משה, א סך האָבן נישט פארשטאנען, פאר וואָס מען רופט אים ניט דער הויכער. טאקע ביי אים, דעם ברייטפלייציקן און לאנגן משה, הָאָב איך באקומען מיין ערשטע יידישע דערציאונג און בילדונג. זיין חדר איז געווען פארעכנט פאר די אזוי גערופענע "בעסערע קינדער", וועמענס עלטערן האָבן אנטקעגן אנדערע חדרים געצאָלט אן עטוואָס העכערן שכר־לימוד און צו דער צייט. דער לאנגער משה האָט אויך געהאט א בעלפער, וואָס האָט ביינאכט אָפּגעפירט די קינדער א היים. דער בעלפער האָט אויך אין סוכות געברענגט פאר גראָשנס צו די קינדערס עלטערן דעם אתרוג און לולב צום בענטשן, ווייל זיי האָבן נישט געקענט זיך דערלויבן איינצוקויפן אן אייגענעם אתרוג. דאקעגן פסח האָט ער געברענגט די "סטעמפּע" צו שטויסן מצות אויף מצה־מעל פאר קניידלעך, כרעמזלעך און פערפל.

משהס דרדקי־חדר האָט זיך געפינען אין עק פון דער נאדסטאַוונע גאס, נאָענט צום טייך, וועלכער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א שמוציק פליסיק וואסער, מיט שווימענדיקע שטיקלעך האָלץ, שמאטעס און אנדערע זאכן, וועלכע מיהאָט אהין אריינגעוואָרפן. אויסער דעם, האָבן די תלמידים נישט איינמאָל אראָפּגעלאָזט די הייזלעך און אויפן פלאץ געטאָן זייער באדערפעניש... אזוי איז זיך דאָס טייכל געפלאָסן דורך אייניקע גאסן פון דער יידישער געגנט אין לובלין און דערגאנגען ביז קאלינאָווטשיזנע, העט־העט ביז קרויזעס מיל און דאָרט פארשוווּנדן.

ווייזט אויס, אז איך האָב זיך געמוזט רעכענען צו די "בעסערע קינדער". איך בין דעמאָלט אלט געווען א יאָר 4־5 און כ׳געדענק, ווי דער לאנגער משה בכבודו ובעצמו האָט מיך נישט געפירט ביים הענטל, נאָר ממש געטראָגן אויף זיינע הענט אין חדר אריין. דאָס איז געווען א גרויסער, לאנגער און ברייטער צימער. וואס האט אויך געדינט פאר א קוך און עסזאל. ביים אריינגאנג איז געשטאנען א פאס מיט וואסער, וואָס די קינדער האָבן אין עמערס געברענגט פונעם פלומפּ אין הויף. די תלמידים האָבן אויך געהאָלפן דער רביצין אין דער שטוב־ווירטשאפט, ארויסגעטראָגן דאָס מיסט צום קאסטן, אויף וועלכן מ׳האָט נישט איינמאָל געזען ארומלויפן שטשורעס און מייז.

ביים פענצטער לינקס, איז געשטאנען א טיש. בעצם – א לאנג ברעט, ארויפגעלייגט אויף קאָזלעס. אויף הארטע, אומבאקוועמע בענק, אָן אַן אָנלען, זענען געווען אויסגעזעצט עטלעכע צוואנציק קינדער, מיט וועלכער דער לאנגער משה האָט מיט א ניגון געקנעלט דעם אלף־בית, צי א פרשה חומש און רש״י, אָדער מעביר געווען די סדרה פון דער וואָך. ווי אויך: אישה, אַ אישה כּי ווען תזריע זי וועט תזריע זיין וילדה זכר און סיוועט געבוירן ווערן א זכר וטמאה שבעה ימים – און אזוי ווייטער... דאקעגן מיט די קינדער, וואָס האָבן געהאט "אָפּענע קעפּ", האָט ער טיילמאָל געלערנט א בלאט גמרא.

דאָס שלאָפצימער איז געווען רעכטס, אָפּגעטיילט מיט א הילצערן ווענטל, אויף וועלכן ס׳איז געהאָנגען דאָס בילד פון משה רבינו מיט די עשרת הדברות. רעכטס – דאָס בילד פון אהרון הכהן. און אינמיטן, צווישן די צוויי – א שיין קאָלירט בילד פון רבנים און גאונים, בראש מיטן רמב״ם. מיר האָבן געטראכט נישט איינמאָל: פון וואנען האָט מען געוווּסט, ווי אזוי די אלע גרויסע, בכבודיקע לייט האָבן אויסגעזען?

אין שלאָפצימער זענען געשטאנען צוויי בעטן, אין פאָרם פון א "ד", א קאָמאָד פאר וועש און אויף אים – צוויי מעשענע לייכטער מיט א בשמים־פּושקע. איך מיין, אז פון זילבער, ווי אויך עטלעכע בעכער. אין דעם שענקל האָט נישט געקענט אריינגיין א סך פון זייער גארדעראָב, זענען די רעשט מלבושים געהאָנגען, ווי פארשעמט, אויף דער וואנט, איבערגעדעקט מיט א ליילעך.

אזוי האָט מען זומער און ווינטער, ביז אין דער נאכט אריין, געלערנט, ריכטיקער געזאָגט – געקנעלט מיט די קינדער: "ויקרא האָט גערופן, אל צו משה, איינער וואָס האָט געהייסן משה". נאָר מיר, די קינדער האָבן שוין געוווּסט, אז דאָס איז משה רבינו...

נאָר דעם אמת געזאָגט, זענען דאָך פון אזעלכע דרדקי־חדרים מיט זייערע מלמדים אויסגעוואקסן רבנים, געלערנטע, פען־מענטשן, אינזשעניערן, דאָקטוירים און פערזענלעכקייטן, מיט וועלכע אונדזער פאָלק האָט שטאָלצירט...

# גילוי מעניין

**ציפורה דסקל וייסלפיש**

בעקבות רשימתי: "שנת יובל למדינתנו - תשנ"ח 1998" שהופיעה בעיתון המועצה האזורית עמק יזרעאל "בעמק", באפריל 98, כתבתי בין היתר על קליטת עולים חדשים מרוסיה שהתפוררה והוספתי משפט: אולי באו גם מהכוזרים?

לאמיתו של דבר לא האמנתי בשאלתי זו וחשבתי שאולי הייתה מיותרת.-בשבת, 30 למאי, צלצל הטלפון: "את ציפורה דסקל מקיבוץ מרחביה? קראתי את רימתך שהופיעה "בעמק" ואני רוצה לספר לך: אני ומשפחתי - אנו מהכוזרים. את מספר הטלפון שלך מצאתי באלפון "יזרע" ואני מאוד מבקש להיפגש עמך ולספר לך".

נדהמתי.

טרם פגישתנו עיינתי באנציקלופדיה העברית, ממנה למדתי:

הכוזרים (כזרים) הם מלאום טורקי, שהתקיימו בדרום מזרח רוסיה, באזור וולגה־קווקז מן המאה ה־7 עד המאה ה־12, ייחודם ההיסטורי: התגיירותם. לא נותרו כל תעודות כתובות בלשון הכוזרית, שום תעודות היסטוריות מהימנות ממקור כוזרי בכל לשון שהיא.

ידועות ממנה כמה מילים בלבד. המצויירות בתעודות יווניות (ביזנטיות) עביות ועבריות, המתייחסות לשמות פרטיים, לשמות מקומות וכו'.

מסופר שהתגיירותם של הכוזרים הייתה כנראה בעקבות וויכוח משולש בין נוצרי, מוסלמי ויהודי - בפני המלך בולאן, התגיירות של העם כולו או של חלקו.

על כל פנים של בית המלוכה ושל השכבה השולטת במדינה.

על פי המסורת עליה הסתמך ר. יהודה הלוי בספר "הכוזרי", חלה התגיירות בשנת 740 לספירה הנוצרית.

מכאן סיפורו של האיש הגר בעמק יזרעאל (שמו ומקום מגוריו שמורים אצלי):

"אחרי שגורשו סבתי ומשפחתה מרוסיה, עלו ארצה ב־1900 והביאו עמם ספר תורה. סבתי סיפרה לי שמשפחתי מצאצאי הכוזרים וסיפור זה עובר מדור לדור: כשגורשו עשרת השבטים מהארץ הם התפזרו ונדדו מארץ וארץ, ממקום למקום.

אחרי נדודים רבים הגיעו שבט דן לרוסיה לקווקז. המלך בשם יוסף קיבל אותם וזה היה אחרי שהמלך וממלכתו התגיירו.

למקום מושבם קראו: סרטוב, שפירושו: שר־טוב. בממלכה זו היו מלחמות רבות עם עמים שניסו לפלוש אליה. היו נצחונות והרחבת גבולות, אך לבסוף נוצחה הממלכה וחדלה להתקיים אחרי קיום של כ־200 שנה".

ההנחה שאמנם התקיימה ממלכה יהודים עצמאית גדולה וחזקה במשך 200 שנה - עוררה מורת רוח בעולם הנוצרי ועד ראשית המאה ה־20 סרבו חוקרים נוצריים רבים להכיר בתוקפן של העדויות השונות. לעומת זאת, עודדה מסורת זו את רוחם של היהודים בגלות.

מכל האמור כאן מסתבר שגם שרידי שבט דן שבו הבייתה וחיים כאן בינינו.

# הדמעה שקפאה

היה זה בחודש מרץ 1939. מצבם של יהודי פולין הלך והורע. מקורות הפרנסה הידלדלו, לפני חנויות היהודים עמדו משמרות של "אנדקים" - המפלגה הימנית - שונאי ישראל, ולא איפשרו לבני עמם לקנות אצל היהודים.

המצב היה ביש.

מלחמה הורגשה באויר. נחפרו שוחות, הסוחרים לא מכרו עוד בהקפה.

לפתע הכל נרגע. בפרלמנט ("סיים") הפולני דנו אך ורק בשחיטה היהודית, הגורמת צער יתר - לנשחטים. שרה ב"סיים" בשם פריסטור - שהתברר מאוחר יותר שהיתה מרגלת גרמנית - עשתה את כל המאמצים שנושא זה לא ירד מסדר היום, וכך התקרבנו לחודש ספטמבר הגורלי.

בשנים אלה, היתה משאת נפשם של הנוער היהודי, להגיע ארצה ולבנותה. נוסדו קיבוצי הכשרה, בהם הכשירו עצמם הצעירים לעבודה פיזית קשה. הבריטים סגרו את גבולות הארץ ורק למעטים ניתנה אפשרות כניסה אליה.

נפרוץ! נעפיל! בדרך לא דרך, נעפיל ונגיע! (מעפילים לגורל לא ידוע...)

אחרי שנים של הכשרה, הגיעה נערה אחת להיפרד ממשפחתה.

קרובים, ידידים וחברים הגיעו לתחנת הרכבת. עוד בטרם היציאה ביקשה הבת: רק לא לבכות - לא לתת לאנטישמים לשמוח בדמעות היהודים...

עוד מעט תזוז הרכבת, רק בלי בכי, בלי בכי! היא אמרה.

דיברה כדי למלא כל רגע - לא לבכות!

במכרז המלווים עמדה האם, היא זכרה היטב את הקשת ביתה, ולפתע: דמעה קפאה בעינה... זו היתה הפרידה האחרונה, והדמעה שקפאה, עדיין כלפיד בוער - בליבה של המעפילה.

ק. מרחביה
23.5.98

# ווי קען זיין א שבת אן א טשאלנט?

**לובלינער קוריאזן / א. בינשטוק**

ביי יידן איז אנגענומען, אז אויף שבת מוזן אומבאדינגט זיין 3 זאכן: חלות אויפן טיש, וויין אויף קידוש און א טשאלנט. אן א שבתדיקן טשאלנט זעט עס אויס ווי א רבי אן א שטריימל.

פארמעגלעכע יידן האבן געמאכט א בעסערן טשאלנט מיט א געפילטע קישקע, א גוט שטיקל פלייש און אנדערע געשמאקע צוגאבן. אויך א פעטן קוגל האט מען געמאכט.

ארעמע יידן האבן אויך געמאכט א טשאלנט פון וואס מ'האט געקענט: קארטאפעלעך, בעבאלאך, פערל-קאשע, אביסל שמאלץ. און אויב ס'איז געווען האט מען אריינגעלייגט א פופעקל, א גערגעלע, א פיסעלע.

היינט אין די מאדערנע צייטן שטעלט מען זיך נישט פאר אז גרייטן א טשאלנט אויף שבת איז א פראבלעם. ס'זענען פאראן גוטע אויוונס מיט טיימערס, מ'שטעלט אן די געהעריקע טעמפעראטור און דער אויוון היט שוין צו ס'זאל ארויסקומען א גוטער טשאלנט.

אין יענע צייטן זענען די באקוועמלעכקייטן נישט געווען. ס'זענען געווען בעקערייען וועלכע האבן פרייטיק געהייצט די אויוונס ספעציעל אויפצונעמען די טשאלנטן, וואס די ווייבער האבן געברענגט אריינצושטעלן אויף שבת. דוכט זיך גאנץ פשוט, אבער ווי ס'האט זיך ארויסגעוויזן זענען אפטמאל געווען קאמישע סיטואציעס.

מיט גרויס כבוד האבן די ווייבער פרייטיק פארנאכט געברענגט די כלים, גוט פארמאכטע, פארדעקטע מיט לייוונט די היץ זאל זיך בעסער האלטן.

די בעקערין האט אריינגערוקט די כלים אין אויוון און מיט א ברכה ס'זאלן ארויסקומען געראטענע טשאלנטן, און געווונטשן די ווייבער א גוטן שבת.

און דא קומט דער קוריאז:

שבת פארמיטאג, ווי געוויינלעך, שיקט מען די קינדער אהיים ברענגען דעם טשאלנט. די כלים אויף טשאלנט זענען טאקע געווען פארשידענע, אבער נישט קיין צו גרויסער אויסוואל. ס'זענען געווען א סאך ענלעכע טעפלעך. די קינדער האבן נישט שטענדיק געקענט דערקענען וועלכע כלים זענען זייערע. אן אפטע דערשיינונג איז געווען פארטוישן די טשאלנטן. קענט איר זיך פארשטעלן די סצענעס און מינעס, ווען מ'האט אינדערהיים געעפנט די כלים.

האט זיך אנגעהויבן א מארש מיט די טעפלעך צוריק צום בעקער. אפטמאל האט מען באוויזן צו פאריכטן דעם טעות אויב נישט אלע האבן אפגענומען.

ווען אין א ארעמע שטוב איז אריינגעפאלן א פעטער טשאלנט, האט מען געדאנקט דעם אויבערשטן פאר דער גוטער מתנה אויף שבת און געמאכט א שוויג. און פארקערט, ווען אין א רייכע משפחה איז אריינגעפאלן א קבצונישער טשאלנט, קענט איר זיך שוין פארשטעלן די זויערע מינעס. קיין ברכות האט מען דארט נישט געהערט...

## דער אלטער בית-עולם אויף דער וואליע א זיכער ארט קעגן באמבעס

אויפן אלטן בית הקברות, ווי סרוען די בארימטע רבנים און צדיקים ז"ל איז מען געוויינלעך געגאנגען ווען ס'איז געווען א שווערע גזירה קעגן יידן, זיי זאלן בעטן ביי גאט רחמים אפצושאפן די גזירה. מאמעס פלעגן גייען בעטן א גוטן שידוך פאר זייערע טעכטער. מען איז געגאנגען "איינרייסן קברים" צו ברענגמן א רפואה שלימה פאר שווער קראנקע; אדער נאך א שלעכטן חלום, און סתם ווען ס'איז געווען שווער אויפן הארצן.

ווען די דייטשן האבן אין סעפטעמבער 1939 באמבארדירט לובלין האט זיך אנגעהויבן א גאנץ אנדערער שטראם פון באזוכער צו די קברים און אוהלים פון די גרויסע רבנים און צדיקים אויפן אלטן הייליקן ארט.

גאנצע משפחות, פרויען מיט קינדער האבן געשטראמט צום הייליקן ארט. דארט צווישן די אלטע מצבות און אוהלים פון די צדיקים האבן זיי זיך געפילט זיכערער קעגן די באמבעס און גלייכצייטיק געבעטן אויף א גיכע מפלה פאר די היטלעריסטישע מערדער.

מ'האט זיך באזארגט מיט שפייז און ווארעם אנטון ספעציעל פאר די קינדערלעך. פארנאכט האט מען אנגענומען מוט און געגאנגען א היים איבערנעכטיקן.

איך מוז באשרייבן א געוויסן הומאניטארן פאל: א יונגעלע האט נישט געוואלט מיטגיין מיט דער מאמען און שוועסטערלעך ביז מ'וועט אים נישט דערלויבן מיטנעמען זיין שטייגעלע מיטן קאנאריקל. אויך פארן פייגעלע האט ער געזארגט א זיכערן פלאץ.

ס'האבן אויך אויסגענוצט די געלעגנהייט תהילים-זאגער און חזנים אויף צו מאכן אביסל פרנסה.

ווייבער וועלכע האבן דארט געהאט קברים פון זייערע זיידעס אדער עלטער זיידעס האבן גערן באשעפטיקט די חזנים.

ס'האבן אויך נישט געפעלט דערביי קיין קוריאזן: א געוויסע פרוי איז געלעגן ביי א מצבה, געוויינט און ארויסגעלייגט אלע אירע צרות אויפן קבר פון איר עלטער-זיידן.

- אפשר ווילט איר איך זאל זאגן א קאפיטל תהילים, מאכן א אל מלא רחמים פאר אייער עלטער זיידן? - פרעגט דער חזן. יא, פארוואס נישט. ס'איז מיר נישט קיין שאד א פאר זלאטעס צו זיין אנדענק.

דער חזן טוט זיין תפילה מיט אניגון אין ביים מאכן דעם אל מלא רחמים, ווען ער דערמאנט דעם נאמען וואס אויף דער מצבה - מאכט די פרוי א געוואלד! אוי ווי איז מיר, דאס איז דאך נישט מיין עלטער-זיידנס קבר. דער חזן איז געווען אין א פארלעגנהייט און א זאג געטאן צו דער פרוי: "איך בין דא גארנישט שולדיק. אזוי ווי איר לייגט זיך - אזוי מאך איך".

# פרילינג אויספלוגן

## אביסל נאסטאלגיע (נישט קיין קוריאז)

מיר געדענקען נאך די שווערע ארבעטס-באדינגונגען פון דער יוגנט. אין סוטערינעס, בוידעם-שטיבלעך, אין ענגע שלאסערייען, סטאלערייען, שניידער ווארשטאטלעך, אן לופט, נישט געהעריקע באהייצונג און באלייכטונג.

די "צוקונפט"-ארגאניזאציע און לובלין און אויך אנדערע יוגנט-ארגאניזאציעס האבן וואס אן אֶמת געפירט א וויכטיקע אויפקלערונגס-ארבעט, קרייזן אויף פאליטישע, עקאנאמישע און קולטור טעמעס, ספארט און פארוויילונגען.

אבער די אידעאלאגישע און סאציאליסטישע שפייזן זענען נישט גענוג געווען פאר דער יוגנט. ווי האבן די חז"ל געזאגט: "לא על הלחם לבדו יחיה האדם". פלעגט מען טאקע אין די שבתדיקע פרילינג פרימארגנס ארגאניזירן אויספלוגן אין די דערפער אויסער דער שטאט. ארויסגעפירט די יוגנט אויף דער פרישער לופט, אויסגלייכן די רוקנס פון דער נישט לייכטער ארבעט, באפרייען זיך אביסל פונם רויש פון מאשינען, קלאפן פון האמערס אין די שלאסערייען, אדער די זעגן אין די סטאלערייען, ניי-מאשינען און אנד.

איז מען טאקע נעגאנגען געניסן פון די נאטור שיינקייטן אויף די דארפישע וועגן. צווישן פעלדער, לאנקעס און וואסערן, דערפילט די שארפע, אויפפרישע נדיקע לופט פון פריש געקאשעטע גראז, מ'קוויקט זיך מיט די ריחות פון די בליענדיקע סעדער און גערטנער, עפל און קירשן ביימער, די אראמאטן פון בעז ביי די דארפישע הייזער, די אקאציע ביימער, ס'שפראצן די ערשטע נארציזן און אנדערע פרילינג בלומען, ס'הערט זיך דאס סוויטשען פון פייגעלעך וועלכע באגריסן דעם פרילינג. פון א לאנקע הויבט זיך אויף א באטשאן מיט א זשאבעלע אינם לאנגן שנאבל. ער טראגט פרישטיק פאר די קליינע באטשאנדלעך.

די יינגע חברה שטויסן זיך ממש אן אין דעם שיינעם אנקומענדיקן פרילינג און זומער, אטעמען אריין די פרישע לופט, פילן זיך מונטערער און מיט א ספאנטאנעם געזאנג פון יוגנט-לידער "פילט מען אן די באטעריעס" צו די קומענדיקע וואכעדיקע טעג.

דער ווייטער שפאציר האט פארשטענדלעך, אביסל מיד געמאכט די יינגע פיס. האבן טאקע די ארגאניזאטארן צוגעגרייט א פיצוי (פארגיטיקונג) עפעס צו נעמען אין מויל אריין.

ביי א געוויסע פויערטע איז באשטעלט געווארן (נישט קיין פאלאפל, נישט קיין שווארמע אדער בארעקאס) נאר יינגע קארטאפעלעך מיט פוטער און מיט פרישן קאפער באשיט, זויערמילך, און פריש דארפיש ברויט מיט פוטער. ס'האט געהאט טעם גן-עדן. פארטרונקען מיט קאלט וואסער פון ברונעם.

אפגערוט זיך, מיט פרישע כוחות און געזאנג מיט בעז צווייגעלעך און בלימעלעך אין די הענט, צוריק מארשירט אין שטאט אריין.

די אויספלוגן זענען שטענדיק באגלייט געווארן דורך לערער פון דער פאלקס-שול און א ספארט-אינסטרוקטאר.

**א. בינשטוק**

## קאליגאנעס און וואנדאלן אין דער שיל "חכמי לובלין" אין בני-ברק

דער קאמיטעט פון דער לובלינער לאנדסמאנשאפט טוט אלץ, צו פאראייביקן דעם אנדענק פון די לובלינער קדושים.

און דא אין בני־ברק קומען לאבוזעס, וואנדאלן און שענדן דעם הייליקן אנדענק פון די לובלינער קרבנות פון נאציזם און פאראומרייניקן די שיל "חכמי לובלין".

די ידיעה פון דעם וואנדאלן אקט נעמען מיר פון "פארווערטס" אין יידיש, פון 31 אוגוסט 2001.

## וואנדאליזם אין א שיל

**אומבאקאנטע פארשוינען האבן זיך אריינגעריסן מוצאי-שבת אין דער שיל "חכמי לובלין" אויף דער דעסלער-גאס אין בני ברק, צעווארפן פאטאס מיט חזירים און גערופן צו גלייבן אין ישו. די שיל "חכמי לובלין" געהערט צו דער אונגאריש-חסידישער באוועגונג. די ארטיקע חסידים טענהן, אז הינטער דעם דאזיקן וואנדאליזם-אקט שטייט א גרופע יונגע לייט, צווישן וועלכע ס'זענען פאראן אויך געוועזענע חרדים.**

לנגלבן קלויר אסתר

# היא לא ידעה

בגינת הבית בצל המימוזה
ישבה דבורקה שקועה בקריאה
עצרה לפתע, היא כמו בהיפנוזה
היא שוב בוהה - זה באמת קרה?

השמש במלואה נפלה על הפרחים
איך זה היה, אי אפשר לשכוח
את הימים הנוראים משחור שחורים
אי אפשר להבין, זה לא נקלט במוח

הייתה לה משפחה - היו מאושרים
ימי חול, שבתות וחגים
הלב נצבט, מי יכול לשכוח
ימי נעורים, משפחת אוהבים.

הייתה לה אחות עם עיניים שחורות
תמירה ויפה כמו אלה יוונית
גומות חן - תמיד מחייכות
ברק לבבי בעיניים - תמיד

היו לה עוד אחות ואח
היו דודים ודודות, בני משפחה
לא עזר אלוהים, הוא אותם זנח
לא נשאר איש אחד לרפואה

לדבורקה ואחותה היו סודות נעורים
היו שובבות עליזות ושמחות
יחד חלמו לימים מאושרים
אך השמנים השתנו, נהיו שחורות

עם בואם של הנאצים המשפחה התפוררה
מי בבריחה לא ידוע ומי לגזים
לא ידע איש על אחיו מאומה
מי שנשארו היו ליתומים

אחרי שנות מלחמה, עוני וסבל
התגלגלה דבורקה לארץ אבות
הגורל הטוב הושיט לה חבל
החלימה - הגיעו שנים יותר טובות

טובות? כך זה באמת נראה
אך העצב והכאב קשים לנשוא
כתבה למוסדות, לעיתונים - את המשפחה חיפשה
וכך עברו שנים בלי שום תוצאה

קרו כבר בהיסטוריה ניסים ונפלאות
יד הגורל הפגיש בין אחים
חשבה דבורקה יכול להיות
שאמצא מישהו שעוד נשאר בחיים

ישבה דבורקה בביתה במרפסת
בצל המימוזה, דפדפה בעיתון
עינה נפלה בידיעה המודפסת
אחותה יפה נפטרה אתמול

היא הגיעה ארצה עם עליית הנוער
התאוששה, למדה, נעשתה מדענית
דבורקה לא ידעה - חיפשה במרחקים
כשאחותה גרה במרחק רגעים.

נישט פאַרגעסן!

# מיט 55 יאָר צוריק

**דערציילט פון חנה וואַסאָנג**

פאַראיאָרן זומער, האָט מען אָפּגעמערקט די דאַטע פון א האַלבן יאָרהונדערט פונעם קעלצער פּאָגראָם. צוליב טעכנישע סיבות, זענען די דערינערונגען פון חנה וואַסאָנג נישט אָפּגעדרוקט געוואָרן אין פאַריקן נומער "קול לובלין". ברענגען מיר איצט די דערציילונג פון אירע איבערלעבונגען, אויך אין שיכות מיט דעם פּאָגראָם אין קעלץ.

די רעדאַקציע

... ס'איז שווער צו גלויבן, אַז א מענטש קען אַדורכטראָגן אַזעלכע שוועריקייטן און פּיין, וועלכע איך האָב אַדורכגעמאַכט מיט 55 יאָר צוריק. ס'איז אוממעגלעך צו פאַרגעסן, וואָס ייִדן האָבן אין יענע טעג איבערגעלעבט - און איך פּערזענלעך.

דאָס איז געשען דעם 6טן יוני 1946. איך בין מיטן עשעלאָן אָנגעקומען פון מערב אוקראַינע, ווו כ'האָב זיך דערוווּסט, אַז מיין מאַן משה, וועלכן איך האָב נישט געזען גאַנצע 4 יאָר, געפינט זיך אין לובלין אַלס פּוילישער זעלנער. אונדזער עשעלאָן איז אָבער אַריין געפאָרן קיין קעלץ. מיין שטרעבונג איז געווען קיין לובלין. האָט א ייִד פון וואַרשע מיך אָפּגערעדט דערפון, ווייל דעמאָלט זענען געווען וואַלן אין פּוילן און פאַר ייִדן איז געווען א געפאַר צו פאָרן אין די באַנען. נאָר אויסער דער געפאַר, האָב איך נישט געהאַט מיט זיך קיין געלט. פון דעסטוועגן איז מיר געלונגען צו שאַפן א קליינע סומע און כ'האָב געקויפט א באַן-בילעט קיין לובלין. איינגעשטיגן אין באַן, ווידער אין עשעלאָן פון 6 צי 7 וואַגאָנען. מיר זענען צוגעפאָרן ביז סקאַרזשיסקאָ. דאָ האָט זיך די באַן אָפּגעשטעלט און מענטשן פון דער אומלעגאַלער און אַנטיסעמיטישער A.K. האָבן אָנגעהויבן פרעגן און קאָנטראָלירן ווער פון די פּאַסאַזשירן זענען ייִדן. אַן אַנטדעקטן ייִד האָבן זיי פּשוט געוואָרפן דורכן פענצטער, אָדער געשאָסן אין וואַגאָן. דער וואָס האָט זיי אויסגעזען ווי א ייִד, האָבן זיי געפּאָדערט דאָקומענטן. איך האָב נאָר געהאַט א צעטל, אַז מיין מאַן דינט און פּוילישן מיליטער. האָט איינער פון זיי זיך אָנגערופן:
- דיין מאַן קאָן זיין א פּאָליאַק, אָבער דו ביסט א זשידוווע. הײַנט פאָרט קיינער נישט אָן דאָקומענטן. און אַז דו ביסט א ייִדישע, וועט מען דיך פערטיק מאַכן...

איינער האָט געזאָגט, מ'זאָל מיך נעמען ביי די פיס, וועל איך אַרונטערפאַלן הינטער די רעדער, האָט א צווייטער זיך אָנגערופן: "וואַרף זי אַרויס, זי וועט סיי ווי פּגרן ווי א הונט". און איך בין געשטאַנען פאַר די רוצחים, ווי א פאַרמשפּטע צום טויט.

זיי האָבן מיך אויפגעהויבן און אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצטער פון צוג. מיין גליק איז געווען, וואָס דער ווינט האָט מיך נישט פאַרטראָגן הינטער דער באַן, אויף די רעלסן. איך בין "געפלויגן" אין דער לופטן און נאָך עטלעכע סעקונדן געפאַלן אויף דער ערד, נאָר דער רעכטער פוס האָט זיך פאַרגראָבן אין זאַמד און גלייך ווי ער וואָלט געוואָרן צעמאָלן. איך בין געבליבן ליגן מיטן קאָפּ איינגעגראָבן אין דער ערד. גראָד איז פאַרבייגעגאַנגען א פּויערטע, וועלכע האָט געטראָגן 2 ליידיקע באַניעס פון מילך. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן מיר, אויפגעהויבן מיין קאָפּ פון דער ערד, אָפּגעווישט דאָס פּנים, זי האָט אוודאי געמיינט, אַז איך בין א פּוילישע און א פאַרזאָרגטע געפרעגט:
- מיין קינד, וואָס איז מיט דיר? פונוואַנען קומסטו דאָ אַהער? וואָס איז געשען? מ'האָט דיך אַרויסגעוואָרפן פון צוג, אָדער ביסטו אַרויסגעפאַלן?

זי האָט פּרובירט אויסליידיקן איין באַניע, אַנטדעקט דאָרט א ביסל מילך, מיר געגעבן אויסצוטרינקען און געזאָגט:
- איך קאָן דיר איצט מער גאָרנישט העלפן. איך ווין פונדאַנען אַן אַנדערטהאַלבן קילאָמעטער. איך גיי א היים און וועל צושיקן מיינע צוויי זין. זיי וועלן דיך ברענגען צו מיר, איך וועל דיך אויסבאָדן און איבערטוען...

זי איז אַוועק און איך האָב אויסגעדרייט מיין פּנים צום באַשעדיקטן פוס און אָנגעהויבן זיך דערמאָנען, ווי אַזוי מ'האָט מיך אַרויסגעוואָרפן פון צוג און דער אומגליקלעכער פאַל... דער ביין פונעם פוס איז אַרויס פון זיין אָרט, בלוט האָט זיך געגאָסן. איך האָב מיט מיין נאָזטיכל פאַרבונדן דעם פוס. פּלוצום האָב איך געזען ווי צוויי מענטשן קומען אָן און דערנענטערן זיך אין מיין ריכטונג. דאָס זענען געווען די צוויי זין פון דער קריסטין, וועלכע האָט פריער מיט מיר זיך פאַרנומען. איינער פון זיי האָט מיך געפרעגט: "וואָס איז דאָ געשען? ביסט אַרויסגעפאַלן פון דער באַן?" מיין ענטפער איז געווען, אַז איך ווייס גאָרנישט. דער אַנדערער פּאָליאַק רופט זיך אָן: "קוק אויף דעם פוס, מיט אַזאַ פוס ווילסטו זי זאָל געדענקען?!"

די צוויי האָבן זיך באַראַטן, צי מיך אָפּפירן צו זיי



teatrnn.pl

אהיים, צי ארויפזעצן אויף דער באן אין סקארזשיסקאָ, וועלכע זאָל מיך אָפּפירן קיין קעלץ, ווייל דאָרט איז פאראן אַ שפּיטאָל, אין וועלכן איך נויטיק זיך איצט.

זיי האָבן אָפּגעהאלטן דעם צוג און דער קאָנדוקטאָר האָט דערציילט, אז אין קעלץ איז געווען א פּאָגראָם, און אז אין צוזאמענהאנג דערמיט האָט מען ביי דער געלעגנהייט מיך ארויסגעוואָרפן פון דער באן. די צוויי ברידער האָבן זיך פארעקשנט, אז מ׳זאָל מיך ברענגען אין קעלצער שפּיטאָל, ווייל קיין אנדערע ברירה איז נישטאָ, כדי מיך צו ראטעווען. דער קאָנדוקטאָר האָט באפוילן מיך אוועקלייגן אין דריטן וואגאָן, נעבן דער טיר, ווייל דאָרט זענען געווען פערד. ווען איך האָב געזען, ווי מען פּאָיעט אָן די פערד, האָב איך אויך געבעטן א ביסל וואסער - און באקומען אן ענטפער "זיץ זשידווא"...

מיר זענען אָנגעקומען אויף דער באן-סטאציע אין קעלץ. דער קאָנדוקטאָר האָט געמאָלדן דעם "רויטן קרייץ", אז ער האָט אין צוג א פארווונדעטע פרוי, וועלכע מ׳דארף אָפּפירן אין שפּיטאָל. מ׳האָט אים געגעבן א קראנקן-שוועסטער, וועלכע האָט געבעטן ביי עטלעכע זעלנער, זיי זאָלן איר העלפן איבערטראָגן א פארווונדעטע פרוי פון וואגאָן אין אמבולאנס. פון די זעלנער איז אָבער געקומען א קורצער ענטפער: "זאָל זי שטארבן ווי א הונט, די זשידוווקע, מיר דארפן איר נישט העלפן"... די שוועסטער האָט מיר דערקלערט, אז איך וועל מוזן זיך אָנשטרענגען און אדורכגיין איבער די רעלסן צום אמבולאנס. זי וועט מיר העלפן.

קוים מיט צרות אָנגעקומען אין שפּיטאָל, ווו מ׳האָט מיך אוועקגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע און געהייסן ווארטן. דער דאָקטער וועט באלד קומען. ס׳זענען אדורך גאנצע 3 שעה ביז ס׳האָט זיך באוויזן א דאָקטער, ווייל מ׳האָט דעמאָלט געבראכט אין שפּיטאָל 42 טויטע און עטלעכע צענדליק פארווונדעטע פונעם פּאָגראָם, וואָס איז פּאָרגעקומען אין שטאָט. דערווייל האָבן די מענטשן פון שפּיטאָל-פּערסאָנאל אַראָפּגעצויגן די פינגערלעך ביי די קרבנות...

ענדלעך האָט א דאקטער באטראכט מיין פוס, אים ארייגעלייגט צווישן צוויי ברעטלעך, פארבאנדאזשירט און דערקלערט, אז ער קאָן נישט דערווייל מער אויפטאָן. מאָרגן קומט דער הויפּט-דאָקטער - וועט ער דערצידירן.

איין קראנקן-שוועסטער האָט געזען מיינע יסורים און געמאכט אן איינשפּריץ קעגן די ווייטיקן. כ׳בין איינגעשלאָפן. ווען כ׳האָב זיך איבערגעוועקט, איז ביי מיין בעט געשטאנען א שוועסטער א נאָנע און געפרעגט, צי איך וויל ריידן מיט א גלח. האָב איך געענטפערט, אז כ׳בין א יידישקע - און זי איז אוועק. צומאָרגנס האָט מען געפרעגט ביי די קראנקע און פארווונדעטע צי זיי האָבן ערגעץ משפּחה אָדער פריינט. איך האָב אָנגעגעבן דעם אדרעס פון מיין מאנס שוועסטער אין לובלין. זיי האַבן צו איר טעלעפאָנירט און נאָך צוויי טעג זענען צו מיר געקומען מיין מאן מיט זיין שוואָגער, וועלכער האָט געארבעט אין דער פּאָליציי. א דאנק זייערע באמיאונגען, איז געלונגען מיך איבערצופירן אין שפּיטאָל אין לובלין, ווו כ׳בין געלעגן 5 חדשים. דאָרט האָט מען מיין פוס ארייגעלייגט אין גיפּס און נאכן אראָפּנעמען אים, בין איך געגאנגען מיט דער הילף פון צוויי שטעקנס. אזוי האָט געדויערט דריי יאָר...
נאָר פון יענע געשעענישן מיט 50 יאָר צוריק, איז מיר שווער צו באפרייען זיך פונעם געדאנק וועגן דעם טיפן אנטיסעמיטיזם, וועלכער איז פּאַרוואָרצלט ביי א טייל פּאליאקן.



המבקרים של דור שני בלובלין מתענינים בדגם הרובע היהודי המצוי בתיאטרון אן-אן

די באזוכער פון צווייטן דור און לובלין אינטערעסירן זיך מיט דער מאקעטע פון יידישן קווארטאל, וואס געפינט זיך אין טעאטער ען ען

# Makieta Starego Miasta i Podzamcza
## odtwarzająca stan z okresu międzywojennego




1. Zamek (2)
2. Zespół synagogalny (3)
3. Ulica Szeroka
4. Bożnica "Chewra Nosim" (9)
5. Ulica Kowalska
6. "Ochronka" (12)
7. Brama Grodzka (13)
8. Ulica Lubartowska

# קורת רוח מהלובלינאים – נחת פון לובלינער

הפעם יש לנו ברשימה ארבעה בני העיר: שניים שזכו לגיל מכובד -

**לובה קורן** (80) **וקופל מיזריצקי** (85)

ושניים בעשייה למען הציבור: **רבקה גולדברג וחיים שביט**.



## לובה קורן - 80 יאר ביז 120

דעם 27.1.2000 האבן די משפחה, פריינד און לאנדסלייט געפייערט דעם 80-סטן געבורטסטאג פון לובא קארן, די פרוי פון אונדזער בן-עיר און פילאנטראפ משה קארן. די שמחה איז פארגעקומען אין האטעל "הילטון" אין תל-אביב. נאך א ריי באגריסונגען פון די זין און פריינט, האט דער עולם זיך געפרייט מיט דער סאלעניזאנטין און ביי דער געלעגנהייט דערמאנט אייניקע וויכטיקע אויפטוען פון לובא, ווי די לאנגיאריקע פארזיצערין פון עליית הנוער אין דייטשלאנד, די ארגאניזירונג פון כמעט אומזיסטיקע מיטאגן פאר נייע עולים פון רוסלאנד אין די זיבעציקער יארן, ווען ס'האט זיך אנגעהויבן די גרויסע עלייה, די הילפס-אקציע פאר בלינדע קינדער אין תל-אביב, דאס אויפשטעלן אייניקע חינוך-אנשטאלטן (קינדער-גערטנער, שולן, צוזאמען מיט משה), ווי אויך די טעטיקייט לטובת יידיש אין ישראל.

אבער מיר האבן פיל אנערקענונג, באוווּנדערונג און באגייסטערונג פאר דעם מוטיקן און קאנסעקווענטן קאמף, וועלכן זי האט געפירט - און אנגעפירט - אויף סאוויעטישער פארשיקונג, ווען זי איז אנטלאפן פון פוילן נאכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה.

א פראגמענט פון דעם העלדישן געראנגל, וועלכן זי האט געפירט אין יענע באדינגונגען, ברענגען מיר ווייטער.

איר דערציילונג איז געווען אפגעדרוקט אין "קול לובלין" נר. 11 און 12.

# יידישער ווידערשטאַנד אויף סאָוויעטישער פאַרשיקונג

לובאַ קאָרן

דער טיפער אָפּקלאַנג אין דער וועלט נאָכן פאַרטרייבן דעם שרייבער אַלעקסאַנדער סאָלזשעניצין פון ראַטנפאַרבאַנד, אויך צוליבן „חטא” פון דערציילן דעם שוידערלעכן אמת פון די סאָוויעטישע לאַגערן און תפיסות, האָט אָנגערעגט אַ סך פון די פוילישע יידן, וואָס האָבן אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה פאַרזוכט דעם ביטערן טעם פון פאַרשיקונג — צו דערציילן אָדער אַליין שרייבן וועגן זייערע איבערלעבונגען אין יענער מוראדיקער תקופה.

אויך לובאַ קאָרן (די פרוי פון אונדזער בן־עיר משה קאָרן־טאַשעמקאַ), האָט וואָס צו דערציילן — נאָר איר סיפור המעשה איז אויסטערליש דערמיט, וואָס זי איז געווען איינע פון די הויפּט־איניציאַטאָרן פון אַן אָרגאַניזירטן בונט און ווידערשטאַנד קעגן דער מעכטיקער נ.ק.וו.ד. און אָרטיקער נאַטשאַלסטווע פון לאַגער, וווּ זי האָט צוזאַמען מיט נאָך הונדערטער יידן פון פוילן זיך געפונען אויף קאַטאָרגע־אַרבעט. ס'איז אַ דערציילונג פון אַ שווערן, נאָר העראָישן געראַנגל, וועלכער איז אין יאָר 1940 געפירט געוואָרן דורך פאַרשיקטע פליטים קעגן דער שלעכטער דערנערונג, שמוץ, קעלט און שקלאַפן־אַרבעט און ווי אַזוי אַ הייפל בעזשענצעס האָבן געוואַגט צו פּראָטעסטירן און קעמפן קעגן דעם שרעקלעכן רעזשים.

(אויפגענומען און פאַרשריבן: א. זאַמדער).

## מיין היים און משפחה

— איך בין געבוירן אין שטעטל שעדלישטש, ־עלעמער פּאָוויאַט, לובלינער וואָיעוואָדסטווע. מיר זענען געווען זיבן קינדער: יוסף,ביילע, ליבע, לאָלע, יאַנקל (דערמאָרדעט דורך די פּאָליאַקן אין כעלעם אין יאָר 1946, שוין נאָך דער באַפרייונג), קרעסל (אומגעקומען אין יאָר 1942) און משה. דאגות פרנסה האָבן מיר נישט געהאַט. מיין פאָטער, אַ ייד אַ למדן, האָט צוגעשטעלט היי און פּאַשע פאַר דער פּוילישער אַרמיי. די זין האָבן געלערנט אין די ישיבות אין פּאַרטשעוו און אין לודמיר, דאַקעגן די טעכטער האָבן געלערנט אין דער בית־יעקב שול און אין דער פּוילישער שול.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, בין איך אַלט געווען 17 יאָר. מיטן אַריינדרינגען פון דער היטלעריסטישער אַרמיי אין פּוילן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־אַנטלויפן פון דער ציווילער באַפעלקערונג, באַזונדערס פון די יידן. אויך אונדזער משפחה האָט אין איילעניש פאַרלאָזט דאָס שטעטל — אין אָנהייב אָקטאָבער זענען מיר אָנגעקומען קיין לוצק און זיך איינגעאָרדנט אויף דער וולאַדזשימיערסקי־גאַס נומ' 26, גלויבנדיק, אַז דאָ וועלן מיר איבערהאַלטן די מלחמה־צייט און דערנאָך זיך אומקערן אַהיים. עס האָט אָבער נישט גענומען קיין סך צייט און אונדז האָט געטראָפן אַ גרויס אומגליק: אַז אויטאָ איז איבערגעפאָרן אויף טויט אונדזער פאָטער. ער איז דאַן אַלט געווען 49 יאָר — און די מאַמע מיט זיבן קינדער זענען געבליבן אָן אַ באַשפּייזער. אַ גליק, וואָס מיר האָבן געהאַט אַ ביסל געלט פון דער היים. די ברידער האָבן זיך גענומען צום האַנדל און די שוועסטערס — צו נייעריי.

## די פאַרשיקונג

די פּאַספּאָרטן־גזירה וועלכע די סאָוויעטישע מאַכט האָט איינגעפירט לגבי די פליטים פון פּוילן, האָט אויך נישט אויסגעמיטן לוצק. אין דער אמתן, זענען במילא פאַרשיקט געוואָרן סיי די וואָס האָבן אַרויסגענומען דעם סאָוויעטישן פּאַספּאָרט, סיי די וואָס האָבן זיך פאַרשריבן צוריק צו פאָרן קיין פּוילן. דעם 28סטן יוני 1940 האָט מען מיין מאַמען, שוועסטער, ברודער און מיך פאַרשפּאַרט אין אַ לאַסט־וואַגאָן מיט נאָך צענדליקער פאַרשיקטע און נאָך 3 וואָכן שלעפּן זיך אין אַנטי־סאַניטאַרע באַדינגונגען, ענגשאַפט און ביי נאָרמירטע שפּייז־צוטיילונגען פון וועלכע מ'האָט געהונגערט — זענען מיר אָנגעקומען קיין ביערעגייעוו. אין זכות פון דעם וואָס כ'האָב געקענט ריידן רוסיש, האָב איך געפועלט ביי די סטרעלאָקס (וועכטער) פון אונדזער וואַגאָן, אַז די טיר זאָל זיין אַ ביסל אָפן און אויף דעם לאַנגן וועג האָבן מיר כאָטש געכאַפּט אַ ביסל פרישע לופט.

אונדזער עשאַלאָן האָט געציילט אַ טויזנט פינפהונדערט פאַרשיקטע פון מערב־אוקראַינע, וועלכע רוסלאַנד האָט אַנעקסירט אין סעפּטעמבער 1939. מען האָט אונדז אַראָפּגעלאָזט אין אַ וואַלד, ווו אויסערביימער, האָבן זיך אויך געפונען אַ סך... קברים. אויף יעדער קבר — אַן אויפשריפט ווער עס ליגט דאָרט און אויף וויפל יאָר ער איז געווען פאַרמשפט. אַן אַרעסטאַנט, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען אַ סך יאָרן, האָט מיר דערקלערט:

— אויף דעם אָרט זענען געווען פאַרשיקט קולאַקעס — און זיי זענען דאָ אומגעקומען אין די טויזנטער פון הונגער, שמוץ און קעלט. בעסער צו וואַרפן זיך איצט אין וואַסער, איידער אַדורכמאַכן דאָס וואָס זיי האָבן אַדורכגעמאַכט...

אַזאַ איז געווען די „אויפנאַמע” פון די אָקערשט געקומענע אויף פאַרשיקונג. „אַ שיינע פּערספּעקטיוו” — האָב איך זיך געטראַכט. „זומער איז דאָ נישטאָ קיין וואַסער” — האָט געזאָגט אַ צווייטער לאַגערניק. „איר וועט דאָ פגרן”. דערנאָך האָט ער מיך געפרעגט ווי איך הייס — און דערהערנדיק מיין נאָמען, רופט ער זיך אָן:

— לובאָטשקאַ, דו ביסט מיר אַ שאָד...

פון דעסטוועגן האָט נאַטשאַלסטווע נישט געצוווּנגען אונדז צו באַלדיקער אַרבעט, נאָר געגעבן 2 וואָכן „אָפּרוסק”, ד. ה. אורלויב. האָט מען דערווייל זיך איינגעאָרדנט אין די באַראַקן, ווו מ'האָט אַריינגעשטופּט 12 מענטשן אין איין צימער.

צווישן די פאַרשיקטע האָבן זיך געפונען אויך עטלעכע פּערזענלעכקייטן, ווי: פּראָפ' לאָטער פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, אַדוואָקאַט שטאָק און אַנדערע. ווי נאָר ס'האָבן זיך געענדיקט די 14 פרייע טעג, האָט מען גענומען טרייבן צו דער אַרבעט אין וואַלד — אונטער־

שנײַדן און צעזעגן ריזיקע ביימער. די אַרעסטאַנטן זענען פֿאַרטיילט געוואָרן אין בריגאַדעס און בראש פֿון איינער אַזאַ בריגאַדע האָט מען מיך אַוועקגעשטעלט. די קאָטאָרגע־אַרבעט וואָלט אפשר לייכטער געווען צום איבערטראָגן, ווען מיר באַקומען עסן צו דער זעט. ליידער, נאַטשאַלסטווע האָט באַשטימט נאָרמעס, וועלכע מ׳האָט באַדאַרפֿט אויספֿירן, ווייל אויב נישט, האָט מען אַראָפּגענומען פֿון די עטלעכע הונדערט גראַם ברויט. געאַרבעט האָט מען פֿון זון־אויפֿגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג, אונטער דער אויפֿזיכט פֿון פֿאַרמשפּטע קולאַקעס, וואָס האָבן זיך דאָרט געפֿונען זינט דער צוואַנגס־קאָלעקטיוויזאַציע אין די דרייסיקער יאָרן.

אַלעמען האָט באַהערשט אַ געפֿיל, אַז מיר וועלן דאָרט אויסגיין פֿון הונגער, היצן אָדער קעלט, פֿון די אַנטי־סאַניטאַרע באַדינגונגען, ווייל די באַראַקן זענען פֿול געווען מיט פֿליי און וואַנצן. דאָס ביסל זופּ מיט די 800 גראַם ברויט האָט מען געטיילט ביינאַכט, אין דער סטאָלאָווע (עס־זאַל). די נישט אַרבעטנדיקע האָבן באַקומען בלויז 300 גראַם ברויט, מיט אַ טעלער זופּ.

באַלד אין אָנהייב האָט מען זיך ווי ס׳איז אַן עצה געגעבן. ווער עס האָט געהאַט אַ בגד צי אַ פּאָר שיך צום פֿאַרקויפֿן, אָדער צום אויסטוישן אויף ברויט, האָט עס גערן געטאָן. אָבער אַז אויך דאָס האָט זיך אויסגעלאָזט, איז געוואָרן קלאָר, אַז מיר וועלן שוין פֿון די דאָזיקע וועלדער נישט אַרויס קיין לעבעדיקע. איז מען נאָר אַוועק עטלעכע מעטער פֿון די אויפֿזעערס פֿון דער בריגאַדע, מיט וועלכער האָסט געאַרבעט — איז מען פֿאַרלוירן געגאַנגען צווישן די געדיכטע ביימער און קוסטעס.

נאָך ערגער איז געווען אין די נעכט, ווייל מען האָט נישט געקענט איינשלאָפֿן און זיך אָפּרוען נאָך דעם שווערן אַרבעטס־טאָג, צוליב די טויזנטער מאָסקיטן און אַנדערע פֿליגעלעך. איז מען שעהן־לאַנג געזעסן ביים שייטער־הויפֿן, אַז דאָס פֿייער זאָל דערווייטערן די אינזעקטן. זיצנדיק אַזוי ביים פֿייער, איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק פֿון בונט. מיר באַשטימען צו טרעפֿן זיך דעם צווייטן אָוונט אין באַראַק, כדי אַרומצורײדן מערער פּרטים. „אויב אומקומען — זאָל כאָטש די גאַנצע וועלט וויסן” — איז געווען אונדזער באַשלוס.

צוזאַמענגעס האָבן מיר זיך געטראָפֿן: 12 מענער און איך איינע, אַ יונג מיידל. אין דעם צוזאַמענטרעף האָבן זיך אויך באַטייליקט די פֿריער דערמאָנטע פּראָפֿעסאָר זון אַדוואָקאַט. דערנאָך האָבן מיר נאָך עטלעכע נעכט זיך געטראָפֿן אַלע מאָל אין אַנדערן באַראַק, אין דער פֿינצטער — ביז עס האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אַ געוויסער פּלאַן:

פֿאַר אַלעמען איז געווען וויכטיק אָנצוקומען צופֿוס קיין ביערעגייעוו, 14 קילאָמעטער פֿון אונדזער פּאַרשיקונג. אין ביערעגייעוו האָט זיך געפֿונען די הויפּט־נאַטשאַלסטווע. אָבער דאָרט איז אויך געווען אַ טייך מיט שיפֿן — און אויב אונדז געלינגט צו דערגיין אַהין, וועט מען פֿאָדערן אָדער פֿאַרכאַפּן עטלעכע שיפֿן און אַנטלויפֿן מיטן וואַסער. די עיקר פֿאָדערונג אונדזערע האָט באַדאַרפֿט זיין — אַרויסנעמען פֿון דער טייגע! אין פֿאַל ווען עס געלינגט נישט צו פֿאַרכאַפּן שיפֿן, איז פֿאַראַן גענוג ביימער אויף צונויפֿצוקלאַפּן אַ טראַטווע און אַנטלויפֿן. מיר האָבן אויך געוווסט, אַז אין ביערעגייעוו זענען פֿאַראַן יידן, וואָס וועלן אפֿשר צוהעלפֿן.

בסך־הכל איין חודש נאָך אונדזער אָנקומען אין דער טייגע, איז אַלץ געווען גרייט צו אַ פּלאַנירטן אַנטלויפֿן.

אַ זייגער 10 פֿרי האָט ווער פֿון אונדז באַדאַרפֿט געבן אַ קלאַפּ אינעם גאָנג — אַ צייכן, אַז די טויזנט פֿינפֿהונדערט לאַגערניקעס זאָלן זיך צונויפֿזאַמלען נעבן מיין באַראַק, דערנאָך זיך אויפֿזעצן אויף די וואַגאָנעטקעס פֿון דער שמאָלער באַן־ליניע וואָס האָט געפֿירט קיין ביערעגייעוו און זיך אַוועקלאָזן אין יענעם אָרט, כדי פֿאָדערן פֿון דער נ. ק. וו. ד. בעסערע באַדינגונגען, אָדער פֿולשטענדיקע באַפֿרייונג.

## מיר לאָזן זיך קיין ביערעגייעוו

צו דער אָפּגערעדטער שעה, האָט אין לאַגער הילכיק אָפּגעקלונגען דער גאָנג. פֿון אַלע זייטן האָבן זיך באַוויזן די אַרעסטירטע. צום לעצט זענען אָנגעקומען די אַלטע לייט, פֿרויען, קראַנקע, קימפּעטאָרינס און אויך מיט נייגעבוירענע אויף די הענט. די פּעקלעך מיטן ביסל אָרעמקייט און עסנוואַרג האָט מען אַרויפֿגעלייגט אויף די וואַגאָנעטקעס, דאָס בעטגעוואַנט איז נאָך געוואָרן צוגעגרייט פֿון פֿריער. אויף דעם האָט מען אַוועקגעלייגט די קינדער און קראַנקע. מ׳האָט אויך געזאָרגט דערפֿאַר, אַז עס זאָלן זיין די נייטיקע מכשירים, ווי: האַמערס, שרויפֿן, זאַפּאַסרעלסן — אין פֿאַל אַ וואַגאָנעטקע אָדער פּלאַטפֿאָרמע וועלן אַראָפּ פֿון די רעלסן. מיר האָבן געהאַט צווישן די אַרעסטירטע אינזשעניערן, וואָס האָבן געקענט זיך מטפּל זיין מיט עווענטועלע, טעכנישע שטערונגען.

ווען אַלץ איז שוין געווען פֿאַרטיק צום אַרויסמאַרש, האָבן 13 מענער און איך (די אָנפֿירונג פֿונעם בונט), זיך געשטעלט בראש פֿונעם עשאַלאָן, וועלכער האָט גערירט אין וועג. די מענער האָבן געשטופּט די וואַגאָנעטקעס, די יונגע מיידלעך זענען געגאַנגען צופֿוס. נאָכן אָפּפֿאָרן און דורכמאַרשירן אַ 7 קילאָמעטער, האָבן זיך באַוויזן 15 נ.ק.וו.ד.־יסטן אויף פֿערד. דערנענטערנדיק זיך צו אונדז, האָבן זיי אָנגעצילט די רעוואָלווערן און באַפֿוילן זיך אומקערן צוריק אין פּאָשאָלעק. מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט מען פֿון פּאָשאָלעק צו וויסן געגעבן אין ראַיאָן, אַז דער ישוב האָט זיך אויסגעליידיקט און אַז אַלע לאַגערניקעס זענען אַוועק מיט דער קאָלייקע. אונטער דער דראָונג פֿון געווער, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט — נאָר ס׳האָט פּאַסירט אַ פֿאַל, אַז איין מיידל האָט באַקומען אַ קאָפּע פֿון אַ פֿערד. איך האָב געהייסן דעם מיידל סימולירן אַ געשטאָרבענע, דערנאָך האָבן פֿיר בחורים זי אויפֿגעהויבן אין דער הייך און אַלעמען געוויזן, אַז ס׳איז פֿאַראַן אַ קרבן. אין דעם מאָמענט האָב איך מיט דער פֿלאַש וואַסער, וועלכע כ׳האָב געהאַלטן אין האַנט, דערלאַנגט דעם פֿערד וואָס האָט געקאָפּעט. דער פּאָליציי־מאַן האָט אָנגעצילט אויף מיר זיין רעוואָלווער און אויסגעשריען: „אָדער דו גייסט צוריק, אַ נישט — שיס איך”. איך בין נישט געוואָרן נתפּעל פֿון זיין דראָונג, נאָר געעפֿנט די בלוזע און אים געענטפֿערט אַז אַלע זאָלן הערן:

— „סטרעלאיי! יאַ ניע באָיוס, מי ביעזשענצי!”
(שיס! איך האָב נישט קיין מורא! מיר זענען פּליטים!)

די אומגעבעטענע געסט האָבן ווייזט אויס זיך איבערצייגט, אַז מיר אַלע זענען אַנטשלאָסן צו גיין פֿאָרויס — און בשום אופֿן נישט — צוריק. בלית ברירה האָבן זיי אויפֿן באַפֿעל פֿון אָפֿיציר, פֿאַרשטעקט די רעוואָלווערן אין די טאַשן — און זיך געלאָזט אין ווייטערדיקן וועג. אַרום 5 פֿאַרנאַכט זענען מיר אָנגעקומען קיין ביערעגייעוו.

צו אונדזער גרויסער איבעראַשונג, האָבן אונדז דאָרט אָפּגעוואַרט נישט נאָר אַ סך נ.ק.וו.ד.יסטן, נאָר אויך...

יידן, וואָס מ'האָט זיי געברענגט צו שקלאַפן־אַרבעט, אַזוי ווי אונדז, פון די פאַרנומענע געביטן פון מערב־אוקראַינע און מערב־ווייסרוסלאַנד. צו זיי איז געהאַט דערגאַנגען די ידיעה פון אונדזער מרידה און אויף אַ פאָלאַנע, נישט ווייט פונעם ברעג טייך, האָבן זיי פאַר אונדז אויפגעשטעלט ביידלעך פון צווייגן, צוגעגרייט האָלץ און וואַסער, ווי אויך טעפּ און קעסלען צום קאָכן. האָט מען טאַקע פון מעל און וואַסער צוגעגרייט אַ מאכל, באַקאַנט מיטן נאָמען „זאַטשערוכע”. איך בין געווען די פאַרטיילערין פונעם עסן פאַר די קראַנקע און קינדער. אין אונטן האָבן די יידן פון ביערעגייעוו געברענגט פאַר אונדז ברויט.

די נ.ק.וו.ד. זענען געשטאַנען פון דער ווייטנס, באַגנוגנט זיך בלויז מיטן אָבסערווירן, נישט געטשעפעט. ווייזט אויס, זיי האָבן נישט געהאַט גענוג כוחות אין ביערעגייעוו, נאָר געוואַרט אויף פאַרשטאַרקונג. ביינאַכט האָבן מיר אַוועקגעשטעלט אַ וואַך פון יוגנטלעכע.

צומאָרגנס גאַנץ פרי, ווי נאָר די זון האָט אויפגעשיינט, האָבן איבער אונדזערע קעפּ זיך באַוויזן עראָפלאַנען. ס'איז נישט שווער געווען צו פאַרשטיין, אַז דאָס זענען פליענדיקע אָבסערוואַציע־פונקטן פון דער הייך, וועלכע די נ.ק.וו.ד. האָט געשיקט. ערשט אויפן צווייטן טאָג האָט זיך באַוויזן אין ביערעגייעוו אַ גרעסערע צאָל מיליציאָנערן און זיי האָבן שוין געהאַט אוודאי גענויע אָנווייזונגען ווי אַזוי צו רעאַגירן אויף דעם בונט פון די „פּאָליאַקן”, ווי זיי האָבן אונדז גערופן.

נאָך מיט אַ טאָג פריער האָבן די פאַרמשפטע קולאַקעס פון יענער זייט טייך געשריגן צו אונדז:

— איר ווייסט וואָס איר האָט אָפּגעטאָן? פאַר אַזעלכע זאַכן שיסט מען ביי אונדז. דאָס וואָס איר האָט געטאָן — האָט נאָך קיינער נישט געוואַגט צו טאָן אין רוסלאַנד, ביי דער סאָוויעטישער מאַכט. אַרעסטירטע זאָלן זיך בונטעווען — ווער האָט געהערט אַזעלכעס?

אַז די נ.ק.וו.ד. אויפן אָרט האָט באַקומען פאַרשטאַרקונג, איז געווען קלאָר, אַז זיי וועלן זיך אַ נעם טאָן צו אונדז. צו מיר איז טאַקע צוגעקומען אַ העכערער אָפיציר און געדראָט:

— לובאַ, דו וועסט ביי מיר אַזוי קוקן (און דערביי צונויפגעלייגט די פינגער ווי תפיסה־קראַטן).

מיין ענטפער איז געווען אַ קורצער און שאַרפער:

— צי כ'וועל זיצן צי נישט, איז נישט אייער זאַך. איך וויל נאָר, אַז די גאַנצע וועלט זאָל וויסן, אַז מיר שמאַכטן דאָ אויף פאַרשיקונג, אין די ערגסטע באַדינגונגען. איך וויל נישט אומקומען אַזוי ווי די וואָס זענען געקומען אַהער פריער און אויף זייערע קברים איז געבליבן דער אויפשריפט אויפן שטיין אויף וויפל יאָר קאַטאָרגע זיי זענען געווען פאַרמשפט...

דער אָפיציר איז אַוועק — און אין אונדזערע הערצער האָט זיך דערוועקט אַ האָפענונג, אפשר פאָרט וועט מען אונדז נישט באַשטראָפן, נאָר אומקערן אין לאַגער אויף בעסערע באַדינגונגען. דערווייל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שלאַקס־רעגן, וועלכער האָט געדויערט גוטע עטלעכע שעה. מיר זענען געווען אויפן פעלד, אָן וועלכער ס'איז באַשיצונג קעגן דער פאַרפלייצונג פון הימל. די מענטשן האָבן זיך גענומען איינברעכן. אַממיינסטן זענען געווען באַזאָרגט די משפחות פון די קראַנקע און די עלטערן פון קינדער. וווּ וועט מען זיך אַהינטאָן מיט זיי?

אויך די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם בונט האָבן מיט אַמאָל דערפילט די גרויסע אחריות, וועלכע זיי האָבן גענומען אויף זיך. מיר האָבן טאַקע באַשלאָסן צו באַראַטן זיך וועגן ווייטערדיקע שריט, נאָר אָט קומט צו מיר צו אַ נ.ק.וו.ד.־אָפיציר און ווענדעט זיך אין יידיש:

— לובאַ, שלאָג זיך מיטן פויסט אין האַרצן אַז האָסט געזינדיקט. — דערנאָך האָט ער געפרעגט אויפן הויכן קול: — ווער עס קאָן ריידן רוסיש, זאָל אַרויפגיין אויף דער פלאַטפאָרמע.

— איך! — האָט זיך פון מיר אַרויסגעריסן אַ ספּאָנטאַנע תשובה.

— קינד מיינס! האָט מיין מאַמע זיך צעוויינט. — דו קענסט נישט די רוסן. דו ריזיקירסט מיט דיין לעבן. איך וועל דיך שוין מערער נישט זען...

נאָר ווידער דערהערט זיך דעם אָפיצירס קול:

— ווער וויל דערציילן וואָס דאָ קומט פאָר? וואָס האָט אייך דערפירט צו דער איצטיקער לאַגע?

— איך! — האָט זיך מיר ווידער אַרויסגעריסן אַן ענטפער. איך בין אַרויף אויף דער פלאַטפאָרמע און מיינע ערשטע ווערטער זענען געווען: — איך וויל וויסן פאַר וואָס האָט איר אונדז געברענגט אַהער, אויף אַ פאַרשיקונג־אָרט, וווּ עס זענען פאַראַן פאַרמשפטע אויף 15 יאָר קאַטאָרגע און מער? פאַר וועלכן פאַרברעכן זענען מיר באַגאַנגען? ווען די רויטע אַרמיי איז אַריין קיין מערב־אוקראַינע, האָט די גאַנצע באַפעלקערונג זיי אויפגענומען מיט בלומען, עסנוואַרג, מתנות. די פרייד איז געווען גרויס. מיר האָבן זיי באַגריסט ווי באַפרייערס. מ'האָט אפילו דערציילט, אַז סטאַלין האָט באַדאַנקט די איינוווינערס פון די מערב־געגנטן פאַרן קבלת־פנים פאַר דער רויטער אַרמיי. אָבער ווי אַזוי האָט איר אונדז אויפגענומען? מיט וואַנצן, פליי, לייז, שמוץ אָן עסן און טרינקען. מיט וואָס האָבן זיך פאַרזינדיקט די פרויען און קינדער. די אַלטע לייט? ווי נאָר עס וועט קומען דער ווינטער, וועלן מיר אַלע דאָ אויסשטאַרבן. איר האָט אונדז פאַראורטיילט צו אַרבעטן אין „ליעס־פּראָוואַל” — אָבער ווער פון אונדז האָט אַמאָל געאַרבעט אין אַ וואַלד? מיר האָבן נאָר געוווּסט ווי אַזוי ביימער וואַקסן, אָבער נישט ווי אַזוי אויסהאַקן ביימער, זיי צעזעגן און טראַנספּאָרטירן. נישט אַנדערש, איר ווילט מיר זאָלן געפינען דעם טויט ביי די ביימער — און קיינער וועט דערפון נישט וויסן. מיר זענען יונג און ווילן לעבן. צי ווייסט איר אין אַ וואָסערע באַדינגונגען מיר געפינען זיך? 12 מענטשן אין איין באַראַק — אַ חורבה, מיט צעלעכערטע ווענט, יינגלעך און מיידלעך צוזאַמען. אפילו איצט, אין זומער, איז דאָס וואַסער אין די ברונעמער פאַרפרוירן נאָך פון ווינטער. אויב מיר וועלן נישט אומקומען פון דער שווערער אַרבעט, דראָט אונדז אַ לאַנגזאַמע גסיסה פון נישט דערעסן. אויב איר מיינט, אַז מיר האָבן בדעה אומצוקומען ווי די היגע זאַקלוטשאָנני — האָט איר אַ טעות. איר וועט דאָס נישט דערלעבן!...

דער אָפיציר איז מיר אַריינגעפאַלן אין די רייד:

— בויט אייך דאָ אויף אַ וואַרשע, ווייל אויב נישט וועט איר אויספּגרן. וואָס איז אייך דאָ אַזוי שלעכט? פאַראַן גוטע לופט...

איך האָב אָבער נאָך נישט געזאָגט וואָס מיר האָט וויי געטאָן. האָב איך גענומען ריידן אויפן הויכן קול:

— אויב דאָ איז פאַראַן אַזאַ גוטע לופט, טאָ ברענגט אַהער אייערע פרויען, זאָלן זיי דערפון געניסן און אונדז פירט אַוועק אין שטאָט אַריין. מיר קענען אַרבעטן ביי אונדזערע פאַכן און ברענגען מערער נוצן, ווי ביים אויסהאַקן וועלדער. די דאָזיקע אַרבעט פון קאַרטשעווען ביימער האָבן אַפילו מענער ביי אונדז נישט געטאָן, אין

פרילן זענען נישט געווען אזעלכע טייגעס. שטעלט אייך פאר, ווען איך הייס עמעצן פון אייך איבערפירן א הויז פון איין ארט אויפן צווייטן — וועט איר עס באוויזן צו טאן ? גענוי אזוי טויגן מיר נישט צו האקן ביימער.

— וואסזשע ווילט איר יא טאן ? — האט דער אפּיציר געפרעגט מיט איראניע.

— נאר ארבעטן ביי אונדזערע פאכן — און דערפאר איז מען גרייט אלץ צו טאן.

ס׳איז צו באוואונדערן, וואס די פארזאמלטע נ.ק.וו.ד.־לייט האבן אזוי געדולדיק אויסגעהערט נישט נאר מיך, נאר אויך די צוויי מענער און א פרוי וואס האבן גערעדט נאך מיר. פונעם פארזאמלטן עולם האט זיך נישט איינמאל דערהערט א ספּאזמאטיש געוויין, טיפע קרעכצן און אייניקע האבן אפילו אוועקגעחלשט.

דער עלטסטער גיט א באפעל, אז די אלע וואס האבן גערעדט, זאלן מיט אים גיין אין קאנצעלאריע. דארט האט א הויך־וווקסיקער נאטשאלניק ווידער גענומען דראען מיט אויסשיסן אלעמען : — ווער זייט איר דען ? שטויב אויף דער ערד, א גארנישט. מיר וועלן אייך אומברענגען...

— ווער מיר זענען ? — האב איך אים איבערגעשלאגן די רייד. — מיר זענען פרייע בירגער, מענטשן. הינטער אונדז שטייען די רעגירונגען פון ענגלאנד און אמעריקע. מיר וועלן זוכן שוץ ביי נאך רעגירונגען.

— זאמאלטשי, שפּיאן ! (שווייג, שפּיאן) ! — זאגט מיר דער אפּיציר. — מיר וועלן נאך זען צי די מערב־לענדער וועלן זיך פאר אייך אננעמען. רוסלאנד איז שטארקער פון זיי. איך לייג דיר פאר מיט די אנדערע, וואס געפינען זיך דא, אז איר זאלט אויפפאדערן אלע זיך אומקערן אין דער טייגע. וואס ס׳וועט שפּעטער זיין — וועלן מיר זען.

מיר האבן פארלאזט די ביורא פונעם נאטשאלניק און אוועק צו די יידן אויף דער פּאלאנע, כדי זיך מיט זיי צו באראטן. אויפן וועג זאגט צו מיר פּראפעסאר לאטאר :

— פריילין לובא, איר זייט דאך א פארשטענדלעך מיידל און שאצט ניכטער אפּ די לאגע אין וועלכער מיר געפינען זיך. די נ.ק.וו.ד. מיינט גאנץ ערנסט מיט אירע דראונגען. אויסער דעם, איז גרויס אונדזער אחריות פאר אזוי פיל יידן, באזונדערס כלפּי די קראנקע פרויען און קינדער. איך מיין, אז מיר האבן נישט קיין אנדערע ברירה ווי הייסן דעם עולם צוריק גיין פונוואנען מ׳איז געקומען. זאלן זיי צוריק ארויפלייגן אויף די וואגאנעטקעס זייערע זאכן און צוריק פארן, אנדערש וועלן זיי אונדז דערשיסן.

אזוי ווי ס׳איז שוין געווען שפּעט אין אוונט, האבן מיר באשלאסן ערשט צו מארגנס זאגן די מענטשן אונדזער באשלוס. ארום 8 א זייגער אין דער פרי האבן מיר זיי אויפגעקלערט די געשאפענע סיטואציע און געהייסן זיך גרייטן אין וועג אריין... אויף צוריק. אין דער אמתן איז דער עולם געווען רעזיגנירט, אפּאטיש, באזונדערס די קראנקע. זיי האבן שוין געוואלט האבן אן ארט ווו דעם קאפּ אוועק צו לייגן.

איך האב באמערקט, ווי מיר גייט נאך אויף שריט און טריט אן אומבאקאנטער מאן, געקליידעט ציוויל. האב איך א פרעג געטאן : — וואס עפּעס גייט איר מיר נאך ? זיין ענטפער איז געווען : — איך זע, אז דו ביסט דער הויפּט־ארגאניזאטאר פון דעם בונט. וויל איך אבסערווירן דיין ווייטערדיקע אויפפירונג.

איך האב זיך נישט גענומען צום הארצן זיינע רייד און אכטונג געגעבן, אז אלץ זאל ווערן צוגעגרייט צום ארויספאר. איך בין דערנאך אוועק אין דארף אויסטוישן עטלעכע קליידער און וועש אויף עסנווארג — און נאך 3 טעג פון קאמף, ווידערשטאנד און מרידה קעגן די אוממענטשלעכע באדינגונגען אין דער טייגע — האבן מיר זיך אומגעקערט אהין, פונוואנען מ׳איז געקומען.

די ארגאניזאטארן פון דעם בונט זענען געווען : פּראפ׳ לאטאר, אדוואקאט שטאק, מאטל שטערן (איצט אין ניו־יארק), אברהם פליישער (אין לאנדאן), שמואל אברהם עלצטער ז״ל און זיינע זין : יאסקע און חיים (אין גבעת אולגה, חדרה), איך און דער שוואגער פון דער פרוי קריגער — בארנשטיין פון ווארשע.

געווען אויך ביי אונדז א מוסר, א געוויסער קראכמאלניק, וועמען נאטשאלסטווע האט באשטימט פאר א נאריאדטשיק (אויפזעער). ער האט געמאלדן אלע דרייצן פון דער אנפירונג, אז מען רופט אונדז אין שטאב. אין דער פייערלעשער־רעמיזע איז טאקע געווען פארזאמלט א צאל אפּיצירן און זיי האבן אונדז געמאלדן, אז מען פירט אונדז אוועק קיין ביערעגייעוו, אויף אן אויספארשונג. די אויספארשונג האט געדויערט א גאנצע נאכט, נאר איך מוז אונטערשטרייכן, אז זי איז געפירט געווארן אויף א מענטשלעכן אופן.

דערנאך האט מען אונדז אוועקגעפירט אויף א שיפל קיין אסינא. מיר האבן זיך געפונען אויפן וואסער א טאג מיט א נאכט.

אין אסינא האט מען אונדז איינגעזעצט אין א תפיסה און דארט געפארשט צוויי וואכן בייטאג און ביינאכט. זיי האבן זיך נישט געקענט מוחל זיין וואס אזעלכעס האט געקאנט פּאסירן אין רוסלאנד. אין קאמער זענען מיר געזעסן פינף פרויען. נאך צוויי וואכן האט מען אונדז פארגעלייענט, אז מיר וועלן ווערן באשולדיקט לויטן פּאראגראף 11/10/58 און דערביי „פארזיכערט", אז עס דראט דערשיסונג אדער ווינציקסטנס 25 יאר פארשיקונג. דערנאך האט מען אונדז אין א רעגנדיקער נאכט ארויסגעפירט צופוס צום באן און געווארנט : „א טריט אויף לינקס, א טריט אויף רעכטס — שיסן מיר". צוויי שעה האט געדויערט דער דאזיקער מארש. בערך א דרייסיק ארעסטירטע, פארשפּארט אין א פּראכטוואגאן, זענען געפארן אין דער ריכטונג קיין נאוואסיבירסק, ווו מ׳האט זיי אריינגעזעצט אין א תפיסה פון נ.ק.וו.ד. ווי פּאליטישע ארעסטירטע.

דער רעזשים אין תפיסה : אין קאמער — צען פרויען (צווישן זיי לודמילא פעלדמאן פון קראקע מיט א דאקטאראט אויף כימיע, היינט אין בראזיל). געווען צווישן אונדז א קראנקע פרוי פון ווארשע (איר נאמען געדענק איך נישט). מיר האבן געפאדערט איר צו געבן מעדיצינישע הילף, אבער ערשט נאך אונדזער א הונגער־שטרייק פון איין טאג — האט מען די פרוי ארויסגענומען. נאך עטלעכע וואכן איז אונדז באוווסט געווארן, אז די ווארשעווער פרוי איז געשטארבן.

דערנאך האבן זיך ווידער אנגעהויבן די אויספארשונגען. גערופן יעדער נאכט, אויפגעוועקט 12 אזייגער, כדי מיר זאלן זיין פארשלאפן און צעחושט. די אויספארשונג איז בעצם געווען א קרייץ־פארהער פון א צען אויספאר־

שערס. איך האב זיי דערקלערט אין א קאטעגארישן טאן, אז איך בין אימשטאנד צו ענטפערן נאר איינעם פון זיי — און נישט עטלעכע. מיין רוסיש איז נישט קיין פולקאמער, כ׳זאל זיין פעיק צו ענטפערן אזוי פיל מענטשן. געווען צווישן זיי א פראקוראר, א ייד, וואס איז דער ערשטער אוועק פון דער גרופע און דערנאך זיך אומגעקערט און מיר געמאלדן, אז פון איצט אן וועט מיין אויספארשערין זיין טאטארניצאווא. פון דאן האט זי מיך שוין גערופן אויף א פארהער, נאר אויך ביינאכט. די ערשטע אויספארשונגען — ביז 4־5 פארטאג.

איר עיקר־פראגע איז געווען: וואס האט אייך באוויגן אדורכצופירן דעם דאזיקן שטרייק און בונט? מיין ענטפער איז געווען: — איך זע, אז איר האט אונדז געברענגט אין א קבר ווו מיר ווערן ממש באגראבן לעבעדיקערהייט. מיר האבן דארט געזען די קברים פון די אומגעקומענע און געשטארבענע — טא ווילט איר אז אויף קברים זאל מען בויען א ניי לעבן? „בויט אייך דארט ווארשע, אויב נישט וועט איר פגרן״ — האט אונדז געזאגט דער נאטשאלניק. אדער: „לובא, די לופט אין וואלד איז דאך אזוי גוט, אז איר וועט אייך דא ערהאלן״...

— דו שטעלסט זיך פאר, וואסער פארברעכן איר זייט באגאנגען קעגן דער ראטנמאכט, קעגן אונדזער פאלק? — פרעגט מיך די אויספארשערין.

— איך האלט נישט, אז מיר זענען באגאנגען א פארברעכן, מיר האבן נישט געוואלט אומקומען, אז די וועלט זאל אפילו נישט וויסן וואס מיט אונדז איז געשען. ביי אונדז, אין פוילן, אז דעם ארבעטער איז עפעס נישט געפעלן געווארן, האט ער געמאכט א שטרייק. דאס איז געווען א נארמאלע דערשיינונג. און נאכן שטרייק האבן מיר טאקע דערגרייכט בעסערע באדינגונגען.

— איר האט געבראכן דאס געזעץ פון ראטנפארבאנד.

— וואס הייסט, מיר האבן געבראכן דאס געזעץ? מיר האבן דען געוווסט אדער געקענט דאס דאזיקע געזעץ? אויב דא קומט אריין א בלינדער מענטש און זעצט זיך אוועק אויף אסעקורירט גלאז און צעברעכט עס — אמת, דער שאדן באטרעפט טאקע טויזנטער רובל — צי קען מען אבער באשטראפן אזא מענטש וואס האט נישט געוווסט וואס ער טוט צוליב זיין בלינדקייט?

— מען מוז זיך איבערצייגן — צי איז דער מענטש טאקע געווען בלינד, אדער ער האט עס געטאן מיט אויסרעכענונג.

— איך קום טאקע פון א דעמאקראטיש לאנד און קיינמאל נישט געווען קיין קאמוניסטין, דעריבער זיך נישט אינטערעסירט מיט די סאוויעטישע געזעצן. דערפאר בין איך נישט באגאנגען קיין שום פארברעכן דערמיט וואס כ׳האב געוואלט אויסבעסערן די באדינגונגען אויפן פאסיאלעק.

נישט האבנדיק קיין ענטפער אויף דעם, האט זי מיר צוגעזאגט מארגן ווייטער צו פירן די אויספארשונג.

צומארגנס ביינאכט, ווידער ארום 12, ווייזט אויס נאך א בארעטונג מיט די אנדערע אויספארשערס, דערקלערט זי מיר:

— הער זיך איין לובא, איך גלייב נישט, אז דו ביסט געווען די הויפט־ארגאניזאטארין פון דעם בונט. דא מיט דיר זיצן דאך עלטערע און אינטעליגענטערע מענטשן, וואס זיי האבן אוודאי מיט אלץ אנגעפירט. ביי דיינע 17 יאר ביסטו נישט געווען פעיק אדורכצופירן א בפירושן בונט קעגן דער סאוויעטישער וולאסט (מאכט). די גראמאטנע מענטשן האבן מיט אלץ אנגעפירט. דו ביסט נאר געווען אן אונטערשטופערין. זאג, ווער איז עס געווען דער פאקטישער אנפירער — און מיר וועלן דיך באפרייען.

— עס האט דען באדארפט זיין א ספעציעלער ארגאניזאטאר? ווער פון אונדז פארשיקטע האט דען נישט געפילט אויף דער אייגענער הויט וואס מיר האבן דארט געהאט אויסצושטיין? אונדזערע ליידן און פיין האט יעדער אדורכגעמאכט אויף דער אייגענער הויט. אגב, די אייגענע סאוויעטישע בירגער, די פארשיקטע דארט, האבן אונדז געזאגט, אז מיר וועלן דא אויסשטארבן מאסנווייז, ווי די פארשיקטע קולאקעס. די ווארענונג אליין איז געווען גענוג אויף אנצווארפן א שרעק אויף אלעמען.

— דו קענסט טאקע נישט קיינעם פון די ארגאניזאטארן?

— איך קען נישט קיינעם.

— ווי קומט דאס? אז מיר פרעגן אלע דרייצן מענער, צי זיי קענען לובאן, זאגן זיי: יא, מיר קענען לובאן. נאר דו איינע קענסט זיי נישט.

— אין פוילן ווענדט זיך איינער צום צווייטן „פראשען פאנא״ — און נישט ביי די נעמען. אזוי ווי איך בין געווען בריגאדירשע, האבן מיך אלע געקענט מיטן נאמען לובא. אבער איך פלעג זיך ווענדן צו זיי נאר מיט „פראשען פאנא״.

— איך וועל דיך איבערצייגן, אז דו קענסט זיי אויך.

— איר קענט נישט אויפווייזן, ווייל איך האב זיי נאר געזען בעתן שטרייק און פאר דעם נישט געהאט מיט זיי קיין שום קאנטאקטן.

— ווי איז דאס מעגלעך, אז דו, צוזאמען מיט זיי, האבן אנגעפירט מיטן שטרייק?

— איך האב מיט זיי נישט געהאט קיין שום געמיינזאמעס, נישט געקענט, הגם מיר זענען אנגעקומען אין איין טראנספארט און געלעבט צוזאמען אין דער טייגע.

— ד״ר שטאק האט מיך אבער פארזיכערט, אז ביי אים אין באראק איז פארגעקומען דער ערשטער צוזאמענטרעף און דו האסט זיך דארט באטייליקט.

— דאס איז א ליגן, ווייל גייענדיק זוכן דעם בריגאדיר שטיין, האב איך פארבלאנדזשעט צו ד״ר שטאק אין באראק.

— אויב דו לייקנסט אזוי אין די אויגן, וועל איך אדורכפירן א קאנפראנטאציע צווישן דיר מיטן ד״ר שטאק.

מיין ענטפער איז געווען, אז דאס האט נישט קיין זין, ווייל איך ווייס נישט ווער ס׳איז ד״ר שטאק. אויף דעם האב איך באקומען פון איר צוויי פעטש מיט א ווארענונג, אז דאס איז נאר אן אנהייב, אויב איך וועל נישט אויפהערן צו לייקענען און זי ווענלן אפנארן.

— איך בין נישט קיין סאוויעטישע בירגערין וואס לעבט מיט ליגנס.

זי האט זיך ווידער אויפגערעגט און דערלאנגט נאך צוויי פעטש.

— איר קענט מיך פאטשן און פייניקן, נאר איך וועל נישט ארויפלייגן אויף אנדערע מענטשן די שולד. וואס שייך מיין אנטייל, האב איך נישט געזאגט ליגן.

פאר א שטראף האט זי מיך געלאזט זיצן נאך א שעה צייט אויפן בענקל, אונטער דער אויפזיכט פון א פאליציאנט. פאר מידקייט בין איך אראפגעפאלן פון בענקל, נאך א פאר שעה אויספארשן מיך.

מ׳האט מיך צוריקגעפירט אין קאמער. צומארגנס אין דער פרי — ווידער אויף אן אויספארשונג, נאר דאסמאל האט זיך דארטן געפונען ד״ר שטאק. איך האב גלייך דערקלערט אין פויליש: „יא פאנא ניע זנאם״. די אויספארשערין האט זיך צעשריגן און געווארנט, אז איך זאל ריידן נאר רוסיש. דאקעגן דער דאקטער, פון גרויס שרעק און איבערראשונג האט דערקלערט, אז ער קען מיך יא און אנגעהויבן דערציילן, אז כ׳בין געווען ביי אים אין באראק אויף דער פארזאמלונג, ווו ס׳איז געפאלן דער באשלוס וועגן בונט. מיין ענטפער איז געווען, אז „איר, ה׳ דאקטער זענט איצט שטארק צעמישט און איר ווייסט נישט וואס איר רעדט. איך בין נאר צופעליק אריין צו אייך און געפרעגט צי דא וווינט דער בריגאדיר שטיין. ביי אייך איז דאך געווען פינצטער, טא ווי האט איר מיך געקאנט זען״?

דער דאָקטער האָט טאַקע באַשטעטיקט, אַז יענעם אָוונט איז ביי אים אין באַראַק געווען פינצטער, ער האָט בלויז געהערט מיין קול. איך האָב זיך געהאַלטן ביי מיינס, אַז דער דאָקטער קאָן מיך נישט און נאָר צוליב אַ טעות בין איך אַריין צו אים אין באַראַק.

— לובאַ, דערציייל אונדז נאָך עפּעס.

— וואָס זאָל איך דערציילן, אַז איר גלייבט מיר במילא נישט. זאָל דער דאָקטער אייך דערציילן.

איינזעענדיק אַז מער וועלן זיי פון מיר נישט אַרויסבאַקומען, האָט מען מיך צוריקגעפירט אין קאַמער.

צומאָרגנס ביינאַכט — ווידער אַן אויספאָרשונג. דאָסמאָל אָנגענומען אַן אַנדערע טאַקטיק, מיט גוטן. דער טיש איז געווען באַשטעלט מיט גוטע מאכלים, פון שענסטן און בעסטן.

— לובאַ, עס וויפל דיין האַרץ גלוסט.

— איך קען נישט עסן, אין דער צייט ווען מיינע חברטעס ליידן דאָ הונגער.

די אויספאָרשערס האָבן מיר געדראָט מיט גוטן און בייזן כ׳זאָל עסן, נאָר מיין געדאַנק איז געווען, אַז זיי זאָלן מיך נישט אָפּקויפן מיטן עסן — און טאַקע גאָרנישט גענומען אין מויל אַריין.

— אָט זע איך אויף דעם טיש, אַז ביי אייך אין לאַנד איז פאַראַן עסן צו דער זעט. פרעגט זיך אַ פראַגע, פאַרוואָס באַקומען די פאַרשיקטע און אַרעסטירטע נישט מער ווי 300 גראַם ברויט אַ טאָג? איז דאָס גענוג פאַר מענטשן? איר קענט באַשטימען די נאָרמע צום לעבן פאַר אַ דערוואַקסענעם מענטש?

ווידער איז מען אַריבערגעגאַנגען אויף אַ גוטן טאָן.

— וואָס דאַרף מען זיך אַרומרייסן? מיר זעען דאָך, אַז ביסט נישט קיין נאַר, אפשר ווילסטו מיט אונדז מיטאַרבעטן, דערציילן וואָס דיינע חברטעס אין קאַמער ריידן און איבערגעבן געניי וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אין דער טייגע, ווער זענען דאָרט די שונאים פון דער ראַטנמאַכט? מיר וועלן דיך שיקן קיין מאָסקווע אין אַ ספּעציעלער שול און וועסט האָבן ביי אונדז אַ זאַט און צופרידן לעבן.

— איך וועל אַזאַ שול נישט ענדיקן און אויף יענער שול־באַנק וויל איך נישט זיצן.

זעענדיק אַז מען וועט ביי מיר גאָרנישט פּועלן, האָט מען מיך איינגעזעצט אין אַן איינצל־קאַמער, טאַקע אַ גרויסע, נאָר ריזיקע שטשורעס האָבן דאָרט אַרומשפּאַצירט — און דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן כדי מיך אָפּצושוואַכן. נאָך 2 טעג זיצן אַליין און קעמפן מיט די מייז, רופט מען מיך ווידער אויף אַן אויספאָרשונג, נאָר איך בין געווען גענוג פאַרביסן און ווייטער געשוויגן. מ׳האָט מיך געפּאַטשט, געשלאָגן, געגאָסן קאַלט וואַסער — נאָר איך האָב דאָס מויל נישט געעפנט. מ׳האָט מיך צוריקגעשיקט אין קאַמער מיט די פרויען, וווּ כ׳בין פריער געזעסן.

*

יום־כיפור 1940, אין דער נאָוואָסיבירסקער תפיסה.

אַ דאַנק דעם וואָס מיר האָבן אין תפיסה זיך אויסגעלערנט דעם מאָרס־אַלפאַבעט, צומערשט מיט קלאַפּן אין דנאָ פון אַ טעפּעלע, דערנאָך — מיט קלעפּ אין די ווענט, האָבן מיר איינמאָל באַקומען אַזאַ „טעלעגראַם”, אַז מאָרגן וועט זיין יום־כיפור. אין דער שכנותדיקער קאַמער איז געווען פאַרשפּאַרט ד״ר באָלעסלאַוו דראַבנער, פון די אָנפירנדיקע פּ.פּ.ס.־חברים אין קראָקע. טאַקע פון זיין קאַמער איז געקומען די ידיעה וועגן יום־כיפור. נישט מחמת פרומקייט, נאָר מיר האָבן פּשוט מיט עטלעכע קלעפּ אין וואַנט זיך „אָנגעפרעגט”, וועלכער טאָג איז היינט, האָט מען געענטפערט די דאַטע און דערביי צוגעגעבן, אַז מאָרגן איז יום־כיפור. איך בין נישט זיכער, צי דאָס האָט ד״ר דראָבנער גופא געגעבן די תשובה, צי ווער אַנדערש פון זיין קאַמער.

דערהערנדיק די נייעס, אַז מאָרגן איז דער הייליקסטער טאָג ביי יידן, האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַסטן. ווען מ׳האָט אין דער פרי געעפנט די טיר און אַריינגעגעבן די נאָרמע ברויט מיטן געקאָכטן וואַסער, האָבן מיר אַלע דערקלערט, אַז היינט פאַסטן מיר, מיר ווילן נישט קיין עסן. צווישן אונדזערע צען פרויען איז אויך געווען אַ קריסטין, מאַריאַ האָט זי געהייסן. אויך זי האָט זיך סאָלידאַריזירט מיט אונדזער תענית, הגם מיר האָבן געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז זי טראָגט צו דער תפיסה־מאַכט וועגן אונדז. נאָר אינגאַנצן זיכער אין דעם איז מען נישט געווען. באַלד דערנאָך איז געקומען אַ נאַטשאַלניק און געפרעגט:

— אַ וואָסער שטרייק פירט איר שוין ווידער?

— ס׳איז נישט קיין שום שטרייק, נאָר אַ יידישער יום־טוב, דער סאַמע הייליקסטער, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ תענית. מען מוז דעם טאָג פאַסטן. דעם טאָג ווערן מענטשן געמשפּט אין הימל — ווער עס זאָל לעבן אויף דער פריי, ווער עס זאָל אָפּפינצטערן אין תפיסה.

— פונוואַנען ווייסטו דאָס?

— איך ווייס דאָס פון דער ביבל. גאָט האָט אַזוי געוואָלט און דערפאַר מוז מען דאָס אָדורכפירן.

— קאַקאָי אָו וואָס באָג? אייער גאָט איז פון אַ האָלץ, אַ ליפּע־בוים.

— ווען איר וואָלט געווען אַן אינטעליגענטער מענטש, וואָלט איר נישט געזאָגט אַז גאָט איז פון אַ שטיק האָלץ.

— קטאָ ווידיעל וואַשעוואָ באָגאָ? (ווער האָט געזען אייער גאָט?).

— קטאָ ווידיעל סטאַלינאַ, קטאָ ווידיעל רוזוועלטאַ?

— פאַראַן מענטשן וואָס ריידן מיט סטאַלינען און מיט רוזוועלטן. דאָס קען מען באַווייזן.

— מיר קענען דאָס באַווייזן מיט דער ביבל. אונדזער משה רבינו האָט גערעדט מיט גאָט און דאָס אַלץ איז פאַרשריבן אין דער ביבל.

— אַז ביסט יאָ אַזוי קלוג און חוצפּהדיק, טאָ קום אין קאַרצער...

— אַז וועסט מיר באַווייזן אַ פּאַראַגראַף אין דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע וואָס הייסט שיקן אין קאַרצער פאַר גלייבן אין גאָט — גיי איך מיט דיר. אויב נישט, וועל איך נישט גיין אין קאַרצער.

דער אָפיציר האָט פאַרלאָזט און אַ שעה שפּעטער האָט ער מיך גערופן אין קאַנצעלאַריע: „קום, באַשטעטיק, אַז האָסט נישט געוואָלט עסן צוליב רעליגיעזע מאָטיוון און נישט ווי אַ שטרייק אָדער פּראָטעסט”.

— איך קען מיט אייך מיטגיין, נאָר קיין דערקלערונג וועל איך נישט אונטערשרייבן. כ׳האָב אייך שוין געזאָגט, אַז ס׳איז היינט דער הייליקסטער טאָג ביי יידן. מען טאָר אויך נישט שרייבן. איך וועל מיין דערקלערונג נישט אונטערשרייבן.

ווען ער האָט פאַרלאָזט דעם קאַמער, האָב איך זיך צעזונגען אויפן הויכן קול „הנני עני ממעש”. דער אָפיציר האָט זיך אומגעקערט און מיט כעס געפרעגט:

— וואָס זינגסטו אַזוי הויך?

— איך זינג נישט, נאָר איך בעט צו גאָט. דאָס איז אַ תפילה אין יום־ווּיפּור.

— פאַרוואָס זשע מוזטו אַזוי הויך שרייען?

— איך שריי נישט, נאָר איך בעט.

— ביי אונדז אַז מען בעט, טוט מען דאָס שטיל.

— אייער גאָט העגנט אין שטוב, רעדט איר צו אים שטיל. אונדזער גאָט איז אין הימל — מוז איך שרייען הויך, ער זאָל מיך דערהערן...

(אויפגענומען און פאַרשריבן: **א. זאַמדער**)



teatrnn.pl

# רות גולדברג תרמה ליד ושם ערכה לימודית בנושא הגטאות

# מסביבנו חומות

## חוברת עזר למורה

רות גולדברג מבית האבות "נופי השרון" בנתניה הרימה תרומה בסיוע עמי האוס להפקתה ולהפצתה של ערכת חינוך מסביבנו חומות של בית הספר המרכזי להוראת השואה ביד ושם. בערכה מונצח זכרו של שמואל אליהו לרמן, אחיה של רות גולדברג, אשר נפל כפרטיזן ביערות באזור לובלין בשנת 1944. הערכה עוסקת בחיי היהודים בגטאות ומנסה להתחקות אחר חיי המשפחה, התמודדותם של הפרט ושל הקהילה עם גזרות הנאצים, חיי הכלכלה והפרנסה בגטאות ועוד.



בטקס שנערך בבית האבות ב־18 בפברואר בנוכחות בני משפחה, קרובים ואורחים, הוצגה הערכה בפעם הראשונה והוענקה לרות גולדברג. בטקס הציג מנהל אגודת נאמני יד ושם בישראל ירון אשכנזי נתונים על אודות יד ושם בתחילת שנות ה־2000, על תוכנית הפיתוח "יד ושם 2001" ועל האגודה. מיכאל פישר, מנהל מגמת הפיתוח בבית הספר המרכזי להוראת השואה, הציג את בית הספר, את משימותיו ואת יעדיו ובפרט את פעילותה של מגמת הפיתוח. עוד הוא הציג את הערכה, את התוכנה, את קהל היעד שלה ופרטים אחרים. בתום הטקס הוגשה לרות גולדברג תעודת נאמנת יד ושם.


א הארציקע באגריסונג אונדזערע פריינט

**לובא קארן**

צום דערגרייכן דעם בכבודיקן עלטער פון גבורות - 80 יאר
און דעם אקטיוון געזעלשאפטלעכן טוער אין בוענאס-איירעס

**קאפל מיזשריצקי**

צום דערגיין צו די 85. זייט געזונט און זייט ממשיך.
רבקהלע און דוד שטאקפיש

משה קארין / בוענאס־איירעס

# קאָפּל מיזשעריצקי -

## א בן שמונים וחמש

ער האט שטענדיק זיך געווידמעט בלב ונפש דער געזעלשאפטלעכער ארבעט לטובת דעם כלל, און אויך היינט איז ער טעטיק מיט יוגנטלעכן ברען...

די עמיגראציע וואס איז געגאנגען פון פוילן, צווישן ביידע וועלט־מלחמות, צו די אמעריקאנער לענדער, האט נישט געטראגן קיין מאסן־כאראקטער וואס איז א פועל־יוצא פון א געלויף אין פאניק, ווי מען לויפט פון א שריפה. צו מיינסטן איז אוועק די יוגנט, וואס האט נישט געזען פאר זיך קיין צוקונפט און קיין תכלית אין זייערע וווין־ערטער. די יידישע יוגנט אין פוילן איז שוין דאן געווען א סאציאל־באוווסטזיניקע, וואס איז געקומען פון די ארבעט־רייען און פון פראלעטארישע ארגאניזאציעס, און האט זיך ארויסגעלאזט אין דער גרויסער וועלט אריין, צו קענען פאנאנדערנעמען די הענט און אויפבויען אן אויסגעחלומטע צוקונפט מיט דער אייגענער פראצע. צווישן אט־די יוגנטלעכע, וואס האט זיך נישט באפרידיקט מיט דעם נעבעכדיקן אויסלעב, האט זיך אויך געפונען דער יונגער קאפל מיזשעריצקי.

עס איז געלאפן דאס יאר 1935, ווען דער 19־יאריקער בחור קאפל מיזשעריצקי איז אנגעקומען קיין בוענאס־איירעס. נישט געקוקט אויף יוגנט, האט ער שוין אבער געבראכט מיט זיך אן אומאפשאצבארן קולטורעלן באגאזש, וואס איז געווען דער סך־הכל פון דער דערציונג וואס ער האט באקומען אין זיין היים, און וואס איז אים אזוי שטארק צונוץ געקומען אין זיין נייעם וווין־ארט - ארגענטינע.

ער איז געבוירן געווארן ט״ו חשון, 1915, אין לובלין, פוילן, - א שטאט וואס האט געהאט 45,000 יידן, אויף א סך־הכל פון 120,000 איינוווינער. לובלין איז בארימט געווען מיט איר ישיבה ״חכמי לובלין״. דארט איז אנגעגאנגען א שפרודלדיק יידישער לעבן, וואס איז געווען א קאך־קעסל פון פארשיידענע טענדענצן: רעליגיעזע, וועלטלעכע, ציוניסטן, קאמוניסטן, בונדיסטן...

קאפלס קינדהייט און יוגנט איז אפגעלאפן אין זיין היים, צוזאמען מיט זיינע צוויי ברידער און א שוועסטער, מיט



זיין פאטער אלקסאנדר זיסל און זיין מוטער יוכבד. זיין פאטער האט געארבעט אין א גארבעריי און זיין מוטער איז געווען א הויז־באלעבאסטע.

ווי די מערהייט יידישע יונגעלייט פון זיין שטאט, האט קאפל נישט געהאט קיין צוטריט צו העכערע בילדונג. זיינע ערשטע אותיות האט ער געלערנט אין חדר, און עטוואס יידיש - ביי א פריוואטן וועלטלעכן לערער. פון זיין פריסטער יוגנט אן, האט ער זיך אנגעשלאסן אין דער לינקער פועלי־ציוניסטישער קינדער און יוגנטלעכער באוועגונג, און שפעטער - אין דער פאליטישער פארטיי.

דא, אין ארגענטינע, האט קאפל פארנומען א פאדער־פלאץ צווישן די אימיגראנטן וואס האבן זיך געווידמעט - מיט קאפאציטעט און אידעאליזם - צו בויען שולעס, הילפספאראיינען, פארבאנדן פאר קעגנזייטיקער שטיצע, לאנדסלייט־פאראיינען, פארלאגן און קולטור־געזעלשאפטן.

פון זיין יוגנט אן האבן אים צוגעצויגן די ביכער און - הויפטזאכלעך - יידישע צייטונגען, וואס ער האט דערהאלטן פון זיין פעטער קאפל דיאמאנט, א ראטמאן אין לובלין (אנפאנג 1939). דא, אין בוענאס־איירעס, האט מיזשעריצקי מיטגעארבעט אין דער ציוניסטיש־סאציאליסטישער פארטיי פועלי־ציון פון לינקער טענדענץ.

אין זיין היים פלעגן זיך פארזאמלען, ספעציעל פאר די וואלן, די אנגעזעענסטע פארטיי-פירער מיט די אנגעשלאסענע מיטגלידער. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט וואס די יוגנט-ארגאניזאציע אין וועלכער קאפל איז געווען אנגעשלאסן, זאל באצייכנט ווערן ווי "יונגבאר", דאס הייסט - "יונגע באראכאוויסטן". זי איז, אייגנטלעך, געווען דער יוגנט-צווייג פון דער "ציוניסטיש-סאציאליסטישער פארטיי - פועלי ציון", באזירט אויף דער דאקטרינע פון א נאציאנאל-סאציאלער באפרייאונגס-באוועגונג, פונעם אידעאלאג בער באראכאוו.

איינער פון קאפלס מדריכים אין דער יוגנט-באוועגונג, וואס האט געלאזט אומאפמעקבארע שפורן אויף זיין גייסט, איז געווען שלמה מיטעלמאן, וועלכער האט - מיט יארן שפעטער - זיך אויסגעצייכנט אין דעם קאמף קעגן די נאציס בעת דער צווייטער וועלט-מלחמה. מיטעלמאן איז העלדיש געפאלן אין דער שלאכט. אין דעם בוך "בריוו פון פראנט", איז פאראן אן ארטיקל אין וועלכן מיזשעריצקי באשרייבט פרטימדיק דאס לעבן און די העלדישקייט פון שלמה מיטעלמאן, און ער רופט אים אן "חבר שלמה, מיין רבי"...

ווען ער איז אלט געווען בלויז 17 יאר, אין 1932, איז קאפל אויסגעוויילט געווארן אלס דעלעגאט צום טעריטאריעלן קאנגרעס פון דער פועלי ציון-יוגנט, וואס איז פארגעקומען אין ווארשע. דארט האבן געהאלטן רעדעס און געגעבן לעקציעס פירערס פון דער הייך ווי זרובבל, בוקסבוים, לעוו און אנדערע. אבער דער וואס האט געמאכט ז'עם טיפסטן איינדרוק אויף די דעלעגאטן, ריידנדיק אויף דער טעמע "יידישע געשיכטע", איז געווען פראפעסאר עמנואל רינגעלבלום, דער דאזיקער אוסערגעוויינלעכער מאן, וועלכער האט שפעטער, אין פינצטערע טעג פארן יידנטום, צונויפגעזאמלט דעם בארימטן "ארכיוו פונעם ווארשעווער געטא", א פארשטעלטן און פארדעקטן אונטערן טיטל פון "עונג שבת"... רינגעלבלום איז שפעטער אומגעקומען אין געטא.

ווען קאפל האט באשלאסן צו עמיגרירן קיין ארגענטינע, האט ער צוגעזאגט זיין כלה, איטע שענקאר, איר אריבערצונעמען קיין ארגענטינע וואס שנעלער. איטע איז געווען א שיינע, חנודיקע פריילן, וואס האט שוין געארבעט אין דער זעלבער ארגאניזאציע וואס קאפל. אבער כדי צו דערפילן זיין צוזאג, האט קאפל געמוזט ווארטן ביז ער וועט ווערן פוליאריק, לויט די דעמאלטדיקע ארגענטינער געזעצן (22 יאר), און אויך בייקומען פארשיידענע ביוראקראטישע פראצעדורן. לסוף, אין יאנואר 1939, ווען מ'האט שוין געריידט אפן וועגן דעם אנקום פון דער צווייטער וועלט-מלחמה, איז איטע אנגעקומען קיין ארגענטינע און זיי האבן חתונה געהאט.

שפעטער זיינען געקומען די קינדער: פייגעלע און מענדעלע. ביידע זיינען דערצויגן געווארן אין דער שלום עליכם-שול פון מאטאדעראס און האבן פארגעזעצט אוניווערסיטעטישע שטודיומס. דערנאך זיינען "אנגעקומען" פינף אייניקלעך - פיר יינגלעך און א מיידל -. ליידער איז אין אייניקל דא נישט לאנג געשטארבן. קאפל האט נאך א מאל ארויסגעוויזן זיין מאראלישן כח און זיין פעסטן כאראקטער, ביים אריבערטראגן דעם אומגליק מיט מוט און אנטשלאסנקייט ווייטער אנצוגיין מיט זיין געזעלשאפטלעכער טעטיקייט.

היינט דערפרייען זיינע טעג די דריי אוראייניקלעך: מיפאלה, פלארענסיא און לאה.

כדאי צו דערמאנען, אז די ערשטע יארן אין ארגענטינע זיינען נישט געווען קיין גרינגע פאר מיזשעריצקין. אבער ווי-נאר ער האט באוויזן זיך "צו שטעלן אויף די פיס", האט ער זיך געווידמעט, בלב ונפש, צו געזעלשאפטלעכער ארבעט. ער איז אריין אין דער פירדניקער קאמיסיע און אין דעם קאמיטעט פאר דער בויאונג פונעם בנין פון דער שלום עליכם-שול אין געגנט פון מאטאדעראס. די אומשטענדן זיינען נישט געווען קיין קרינגע, אבער דער ווילן צו האבן אן אייגענע שול-געביידע פאר די הונדערטער יידישע קינדערלעך פון מאטאדעראס און אומגעגנט, האט מנצח געווען. א סך אקטיוויסטן האבן זיך אנגעשלאסן אין דער ארבעט, און ענדלעך - אין אקטאבער 1951 - איז פארגעקומען דער חנוכת-הבית פון דער שולע, ביי דער פרייד פון דער גאנצער געזעלשאפט.

די שולע איז געוואקסן און, צוזאמען מיט איר - איז אויך אויפגעקומען אן אינסטיטוציע, "סיאאב", וואס האט געדינט ווי אן עקאנאמישער און סאציאלער אנשפאר פאר דער שול. זיי האבן אויך אפגעקויפט א הויז, אויף איינצוארדענען א "קן" - א פיליע פון דער יוגנטלעכער ציוניסטישער באוועגונג "הבונים דרור". א סך פון אירע מיטגלידער זיינען געווען געוועזענע שילערס פון דער שולע, און פון אירע רייען זיינען ארויס חלוצים, וועלכע האבן שפעטער באפעלקערט די קיבוצים פון מדינת ישראל.

קאפל מיזשעריצקי האט געזען אין דער דאזיקער טעטיקייט א באערונג פאר די דערציערס פון "יונגבאר" אין לובלין, וועלכע זיינען דערמארדעט געווארן דורך די נאציס אין דער צווייטער וועלט-מלחמה.

ווען מיזשעריצקי האט זיך אריבערגעצויגן, מיט זיין משפחה, אין דער געגנט "אנסע", אין צענטער פון דער שטאט בוענאס-איירעס, האט ער גלייכצייטיק אריבערגעטראגן זיין געזעלשאפטלעכע טעטיקייט אין דער "עבודה"-פארטיי, אין דעם לובלינער לאנדסלייט-פאראיין, און לסוף - אין דעם "פארבאנד פון פוילישע יידן". אין דעם דאזיקן פארבאנד האט מיזשעריצקי פארנומען - במשך פון עטלעכע יארצענדליק - אמטן אויף פארשיידענע קולטור-געביטן. היינט איז ער דארט פרעזידענט.

אלץ וואס עס האט מיט זיך פארגעשטעלט דער "פוילישער פארבאנד", מיט זיינע קולטורעלע און געזעלשאפטלעכע אקטיוויטעטן, ווי אויך מיטן ארויסגעבן די 175 בענד וועגן דער געשיכטע פונעם פוילישן יידנטום, איז ווערט באזונדער קאמענטירט צו ווערן. מיר וועלן טאקע זיך באציען צו דעם ביי א קומענדיקער געלעגנהייט. מיר ווילן אבער יא אונטערשטרייכן, אז קאפל מיזשעריצקי פירט דורך, יאר נאך יאר, דעם אזכרה - אקט, צווישן ראש-השנה און יום-כיפור, ביים מאנומענט אויפן בית-עולם אין טאבלאדא, אויף צו באערן די קרבנות פון דער שואה.
פאר די לעצטע פער יאר ווערט די דערמאנונג דורכגעפירט צוזאמען מיט דער "האלאקאסט-פונדאציע לזכרון די אומגעבראכטע דורך די נאציס".
כדאי צו אונטערשטרייכן, אז מיזשעריצקי איז געווען איינער פון די שטיצערס פונעם פראיעקט איבערצושרייבן די אייגנטום-פאפירן פון דעם בנין פונעם "פארבאנד", פארן קרן קימת לישראל און פארן מושב זקנים, אין בוענאָס-איירעס.

ביים היינטיקן טאג איז קאפל מיזשעריצקי ווייטער טעטיק, מיט יוגנטלעכן ברען, אין דער "עבודה"-פארטיי. ער פעלט נישט אויף קיין איין פארזאמלונג פונעם צענטראל-קאמיטעט, וואס קומט פאר יעדע 15 טעג. זיינע פארשלאגן און אינטערווענצן, באזאכטע און באלאדענע מיט זיין לאנגער עקספעריענץ, ווערן אויפגענומען מיט דרך-ארץ דורך אלע חברים זיינע. ביי מער ווי איין געלעגנהייט רופן ארויס זינע געדאנקען, קלארע און זאכלעכע, אפלויזן מצד אנוועזנדיקע.

ער נעמט אויך אנטייל אין די כינוסים וואס קומען פאר יעדע צוויי יאר, אויף וועלכע עס ווערן אויסגעוויילט די פארטיי-אויטאריטעטן.

קאפל איז אויך א מיטגליד אינעם ראט פון דער "אמיא", (קהילה פון בוענאס-איירעס) - א מין "פארלאמענט", צוזאמענגעשטעלט פון 90 מיטגלידער, וועלכער פארזאמלט זיך עטלעכע מאל אין יאר אויף צו באהאנדלען וויכטיקע געזעלשאפטלעכע ענינים.
איינע פון מיזשעריצקים מעלות, איז די פולקאמסטע טרייהייט זיינע צו דער פארטיי. ער האט זיך קיין מאל נישט געלאזט באאיינפלוסן דורך די פרעדיקערס פון דיסציפלינערע אפנייגונגען. ער איז שטענדיק געבליבן טריי צו זיינע איבערצייגונגען און צו די באשלוסן פון דער מערהייט. פאר זיין ריינעם מארשרוט האט ער פארדינט דעם רעספעקט פון אלע וואס קענען אים און קומען מיט אים אין קאנטאקט.
צום באדויערן, האט ער - אין יאר 1992 - געליטן דעם שרעקלעכן פארלוסט פון זיין געליבטער לעבנס-באגלייטערין איטע. ער האט אבער אליין זיך געטרייסט, מיט פילבארע ווערטער, אז ער האט נאך א סך מאטיוון ווייטער צו קעמפן: זיין משפחה (קינדער און אייניקלעך), זיינע טרייע חברים פון לאנגע יארן, און די געזעלשאפטלעכע ארבעט לטובת הכלל.
צו דער געלעגנהייט פון זיין 85סטן געבורטסטאג, באגריסן מיר הארציק דעם ליבן פריינד קאפל מיזשעריצקי, - דעם נאבעלן חבר, דעם אמתן מוסטער פון אן עסקן, העוסק בצרכי ציבור שלא על מנת לקבל פרס, און מיר ווינטשן אים נאך א סך יארן פון פרוכטבארער טעטיקייט, אין באגלייטונג פון זיינע קינדער, אייניקלעך, אוראייניקלעך, פריינד און חברים, וואס שאצן און ליבן אים!

לעת-עתה זאגן מיר - עד מאה, כעשרים!...

**דיגעזעלשאַפט פאַראייניקטע קינדער פון לובלין און אומגעגנט**

**ENFANTS UNIFIES DE LUBLIN ET ENVIRONS**

באַגריסט מדינת ישראל

**צום 53סטן יום-העצמאות**

מיר ווינטשן זי זאָל וואָס גיכער דערגרייכן אַ שלום מיט די אַראַבישע מדינות און דער עיקר מיטן פּאַלעסטינער פאָלק, און ס'זאָל הערשן אין לאַנד פון ישראל אַ פּראָספּעריטעט און סאָציאַלע גערעכטיקייט.

דער קאָמיטעט

מדינת ישראל
STATE OF ISRAEL

Ministry of Health
Public Health Laboratories
**Central Virology Laboratory**

משרד הבריאות
המעבדות לבריאות הציבור
המעבדה המרכזית לנגיפים

10 במאי, 2001

# <u>לכל המעוניין</u>

**<u>מר חיים שביט – מתנדב מצטיין</u>**

מר חיים שביט עובד כמתנדב במעבדה המרכזית לנגיפים מאז שנת 1988.

בעבודתו הוא מסייע לעובדים המקצועיים להשלים משימות שונות הכרוכות ברישומי חולים ותוצאות מעבדה: משימות המכבידות על העובדים המקצועיים וגוזלות זמן יקר מאד.

משימות אלו דורשות אחריות רבה, מסירות ונאמנות – בנוסף לדייקנות הרבה הנדרשת בעבודה.

מר חיים שביט הינו בדיוק אדם כזה: חרוץ, מסור, אחראי, דייקן וקפדן, מעל ומעבר.

מעבר לכך: מר שביט הוא גם אדם נעים-הליכות, והעובדים שמחים לקראתו מאד ואפילו רבים ביניהם מי יזכה בשירותיו הטובים.

אנו, כל צוות מעבדת נגיפים, בטוחים שמר חיים שביט הוא מתנדב מצטיין וראוי לכל הערכה וגמול אפשריים שניתן להעניק למתנדב.

בכבוד רב,

ד"ר אלה מנדלסון
*מנהלת המעבדה המרכזית לנגיפים*

משרד הבריאות
המעבדה לבריאות הציבור
המעבדה המרכזית לנגיפים
המרכז הרפואי ע"ש חיים שיבא
תל-השומר 52 621

Chaim Sheba Medical Center Tel-Hashomer, 52621, Israel Tel: 972-3-530-2388 Fax: 972-3-530-2457
המרכז הרפואי ע"ש חיים שיבא תל-השומר, 52621, ישראל טל: 03-530-2388 פקס: 03-530-2457

# הארציקע צוזאמענטרעפן מיט לובלינער אין קאנאדע

**פאָלע און סוכער פאַכטשאַש** ראשון לציון

דעם 15טן יוני 1976, זענען מיר אָנגעקומען קיין מאָנ־טרעאל, וווּ עס האָבן אָפּגעוואַרט אונדזערע קינדער, משפּחה ווי אויך נאָענטע פריינד, די לובלינער משפּחות: זימעל־שטערן, מאָסקע בוים, שלמה וואָלבערג און אַנדערע. די באַגעגעניש מיט די קינדער און מיט אַלע פריינד איז געווען זייער אַ האַרציקע און אַנגענעמע.

לײדער, איז פריינד סעם ברייטער נישט געווען אויפן פלי־פלאַץ, ווייל ער האָט אַדורכגעמאַכט אַ שווערע האַרץ־אָפּעראַציע.

דעם צווייטן טאָג זענען מיר געווען אים באַזוכן אין אַ דערהאָלונג־היים. ער האָט זיך זייער געפרייט מיט אונדז. סעם איז נאָך אַ לענגערע צייט געווען אין דעם אָפּרו־היים, ווו מיר האָבן אים אָפּט באַזוכט. ווען ער האָט זיך שוין געפילט בעסער, איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע פרייד אים צו נעמען אַהיים. נאָך אַ פּאָר טעג האָט זיין פרוי סאַראַ געמאַכט אַן אויפנאַמע לכבוד סעמס געזונט ווערן. ס'א־ין געקומען אַ גרויסער עולם אים באַגריסן, אויך די גאַנצע משפּחה מיט פריינד. צו אונדזער אַוועקפאָרן, נאָך צוויי מאָנאַטן זיין אין מאָנטרעאל, האָט סעם זיך געפילט גאַנץ גוט. לאָמיר האָפן, אַז ער וועט שוין פון קיין קראַנקייט נישט וויסן מער.

אַ פּאָר טעג נאָך אונדזער אָנקומען קיין מאָנטרעאל, האָט די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אַדורכגעפירט דעם יער־לעכן שלוס־מיטינג. עס זענען געווען אַנוועזנד איבער 60 פערזאָן. ס'איז געווען אַ שיינער מיטינג מיט אַ גוטער שטימונג. דעם געלונגענעם אונט־ברויט האָט צוגעגרייט רחלע זימעלשטערן. מען האָט אונדז זייער האַרציק באַ־גריסט. איך האָב אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל.

עטלעכע טעג נאָך אונדזער אָנקומען קיין מאָנטרעאל, זענען מיר געווען באַזוכן די פריינד צעשע און סימאָן זיי־דענווערג. אויך סימאָן איז דאַן געווען נאָך אַ שווערער האַרץ־אָפּעראַציע, אָבער ווען מיר האָבן אים געזען, האָט ער זיך געפילט בעסער; שפּעטער זענען די זיידענווערגס אָפּגעפאָרן קיין מיאַמי זיך אָפּרוען. צו זייער אָפּפאָרן און אונדזער אָנקומען, האָבן די משפּחה יאסקע בוים איינגע־אָרדנט אַ שיינע אויפנאַמע ביי זיך אין הויז, פאַר אַ גרויסן עולם.

נאָך אַ פּאָר וואָכן זיין אין מאָנטרעאל און אָנגעפרייט זיך מיט אַלע, זענען מיר געפאָרן קיין טאָראָנטאָ, ווו אונ־דזערע פריינד האָבן שוין אויף אונדז געוואַרט. אין טאָ־ראָנטאָ זענען מיר געווען אין הויז פון פעלע און מאיר פרידמאַן, אונדזערע גוטע פריינד פון אַ סך יאָרן. זיי האָבן אונדז גוט אויפגענומען. מיר האָבן פאַרבראַכט אין טאָ־ראָנטאָ מער ווי אַ וואָך. דאָרט האָט יעדער באַזונדער פון די לובלינער פריינד אונדז גוט און פריינדלעך אויפגענו־מען ביי זיך אין הויז.

פריינד פרידמאַן האָט געשיקט פאַר די לובלינער אין ישראל 100 דאָלאַר, און די פריינד אלספּעקטאָר און ראָ־טענבערג — צו 50 דאָלאַר.

דעם לעצטן אָוונט פון אונדזער זיין אין טאָראָנטאָ, האָט די משפּחה פרידמאַן געמאַכט לכבוד אונדז אַ געזעגענונג־מסיבה. עס זענען געקומען אַ סך פריינד אונדז געזעגענען.

נאָכן צוריק קומען קיין מאָנטרעאל, האָבן זיך ווידער אַלע געפרייט מיט אונדז. די לעצטע וואָך פאַרן אַוועקפאָרן, האָט דער פאָרזיצער פון די לובלינער גערופן אַ קאָמיטעט־זיצונג, און געשיקט פאַר די לובלינער אין ישראל 250 דאָלאַר, — און פאַרן אָפּפאָרן, האָבן אונדזערע פריינד רחלע און נפתלי זימעלשטערן געמאַכט פאַר אונדז אַ געזעגענונגס־אָוונט. עס זענען געווען איינגעלאַדן די גאַנצע משפּחה און פריינד לובלינער, ווי אויך נישט־לובלינער.

מיר דאַנקען זיי גאָר הערצלעך פאַר דער גוט־פאַר־ברענגטער צייט מיט זיי צוזאַמען. זיי האָבן אונדז געשענקט אַ סך אויפמערקזאַמקייט.

ענדלעך איז געקומען דער טאָג וואָס מיר האָבן גע־מוזט צוריקפאָרן. דער טאָג איז געווען פאַר אונדז אַ ווייטאָג־דיקער צו פאַרלאָזן די קינדער, די משפּחה ווי אויך אַלע פריינד. עס האָט זיך שוין אָבער געבענקט נאָך ישראל, ווו מיר האָבן אויך משפּחה און פיל גוטע פריינד.

---

לזכרם של הורינו

**שפרה ומשה גרדל,**

ואחותנו **דבורה** הי"ד

שנרצחו בידי הנאצים במחנה השמדה

ליד העיר לובלין שבפולין

---

# האזכרה
# לקדושי לובלין

תתקיים השנה בבית ציוני אמריקה

בת"א

רח' אבן גבירול

ביום שלישי 27 בנובמבר 2001

בשעה 6 בערב

# בריוו פון לאַנדסלייט

## למר שריפט שלום וברכה,

קבלתי את כל החוברות ואין לי מילים איך להודות לך.
הייתי חייבת לשלוח אותן לכמה אנשים ושמחתי שעזרת לי לעשות את זה.
מצטרפת קבלה של התרומה שלי ל״קול לובלין״ דרך בנק הדואר. כל טוב

**ורדה אמירה**

* * *

## מאנטרעאל 14-טן אויגוסט - 2001

טייערער פריינד אלעקסאנדער שריפט.
אייער ליבן בריוו האב איך ערהאלטן, פאר וועלכן איך דאנק אייך זייער, דאס ערשטע פאר די בילדער פון דער שול וואס עס דערמאנט זיך מיר אסאך פארגאנגענהייט.
איך דאנק אייך אויך וואס איר געדענקט מיר צו ווינטשן צו דער חתונה פון מיין אייניקל. עס איז געווען זייער א שיינע חתונה. זיי זאלן זיין גליקלעך. זיי זענען אוועק געפארן קיין וויניפעג.
און איין אייניקל האב איך אין וואנקאווער און איינער אין אין מאנטרעאל. ליבער פריינד, איך בין שוין אויך נישט אזוי יונג אין די אכציג. ווי לאנג איך קען אנגיין מיין אייגענע צייט, גיי איך ווייטער. אלעקסאנדער שריפט איך דאנק אייך נאך אמאל פאר אלע שיינע ווינטשן. גאט זאל אייך געבן מיט אייער פאמיליע א סאך גוטס וואס איר ווינטשט זיך אליין. א דאנק פאר דעם איבערגעבן די גרוסן צו די לובלינער לאנדסלייט און אלע מיינע גוטע פריינד. ביי דער געלעגנהייט לייג איך צו א טשעק פון - 50. דאלער פאר דעם קול לובלין.
איך קען זיך גארנישט אוועקרייסן פון די בילדער פון דער שול. דאס איז אלץ פאר היינט. זייט מיר געזינט פיל הארציקע גריסן פאר אייך און אייער משפחה און פאר די לובלינער לאנדסמאנשאפט און אלע מיינע פריינט.

**רושקע צווייקאפט**, מאנטרעאל

* * *

## ליבער פריינד אלעקסאנדער,

קיין ספעציעלע נייעס איז נישט דא. איך און מיין ל. פרוי בראניע פילן זיך נישט שלעכט. אוודע פילט מען שוין אביסל די עלטער, ווי זאגט מען אבי נישט ערגער. ביי אונזערע קינדער און אייניקלעך איז אלעס אין ארדנונג.
איך האב דערהאלטן דעם קול לובלין פאר וועלכן איך דאנק אייך אלע, דעם גאנצן קאמיטעט. איך ווייס אז עס איז נישט לייכט ארויסגעבן אזא זשורנאל. מען דארף זיך גענוג אנשטרענגען כוח און ארבעט. איך גלייך אז איר האט פארגעסן צו שיקן א קול לובלין צו אבע סלאמא און זיין שוועסטער פעסע פאגעל. זיי זענען געפארן אויף ווינטער וואקאציע זיי קומען שוין באלד צוריק.
דא אין טאראנטא איז נישט דא קיין סאך לובלינער, ווי אין מאנטרעאל.
מען קען גארנישט טוען געגן דער נאטור און דאס לעבן גייט ווייטער אן. איך גלויב אז איר אלע, דער גאנצער קאמיטעט פילט זיך נישט שלעכט איר דארפט זיין געזונט און האבן כוח, ווייטער אנגיין מיט דער געזעל-שאפטליכע ארבעט און ספעציעל פאר די לובלינער פון איבעראל.
איך לייג אריין א געלט איבערווייס פון -.25 אמעריקאנער דאלער. איך ווױן אין קאנאדע אבער איך שיק אמעריקאנער געלט וויל עטליכע מאל האט מען געמאכט א טעות, מען האט געשריבן קאנאדיש געלט.
מיטן אויסוויילן דעם נייעם פרעמיער-מיניסטער אריאל שרון, טא לאמיר האפן אז עס וועט קומען א שנעלער שלום אין ישראל.
איך ענדיק מיין קורצן בריוו, א גרוס פאר שטאקפישן מיט זיין משפחה זאלן אלע זיין געזונט. א ספעציעלן גרוס פאר משה וואסאנג מיט זיין משפחה.
זייט אלע געזונט. א הארציקן גרוס פאר אלע לובלינער. מען זאל הערן איינער פון אנדערן גוטע גרוסן. דיין פריינד יאסקי, ברוניע און פאמיליע.

טאראנטא

* * *

## ליבער פריינד דוד,

איך שיק אייך און אייער ליבע פרוי מיינע בעסטע ווונטשן צום נייעם יאר 2000. דאס וויכטיקסטע געזונט און ווי זינגט מען דאס אין אונדזער יידישן ליד ״א ביסעלע מזל״. און דאס וויכטיקסטע - שולם און ישראל.

**אייער מענדל וויסמאן**, קאפענהאגן

* * *

## חשובער פריינד שטאקפיש

נעמט צו אונדזערע בעסטע ווונטשן פאר אייך און אייער פאמיליע צום נייעם יאר-געזונט און ווי ווייט מעגלעך - יארן צום לעבן מיט אייער פרוי און קינדער און אויך בעסערע נייעס פון אייערע און אונדזער מדינות.

**אנאטאלי און פערעלע בינשטאק**, פאריז

# לזכרם • צום אנדענק



## בן-ציון ליבנד ז"ל

בן-ציון ליבנד נולד בלובלין ב-6.6.1915, להינדה ומשה והיה הבן הבכור במשפחה לה נולדו עוד שני בנים יעקב ושאול.

משפחת ליבנד שעסקה בייצור ומסחר של בגדי נשים, היתה משפחה ציונית, וההורים דאגו לכך ששלושת הבנים ישלטו כהלכה בשפה העברית.

בן-ציון, שנקרא בפי כולם בן, היה תלמיד מצטיין אשר סיים את לימודיו בגמנסיה בגיל 17. עמדו לפניו שתי אלטרנטיבות להמשך לימודיו, הסורבון בפריס או הטכניון בחיפה. ארץ-ישראל כמובן התאימה יותר לבן דובר העברית השוטפת, אשר הגיע ארצה לחיפה בשנת 1933 ונרשם ללימודי הנדסת בנין בטכניון ההיסטורי שבהדר הכרמל.

ההורים מימנו לבן את שכר הלימוד, אך לכיסוי שאר הוצאותיו עבד באתרי בניה באיזור חיפה כפועל בנין, בתפסנות ויציקות בטון.

בסוף שנות ה-30 הצטרף בן-ציון לצבא הבריטי ושרת בדרגת קצין בגדודי ההנדסה.

לצה"ל גויס בן-ציון בשנת 1948 כקצין הנדסה בדרגת סרן והשתתף במלחמת השחרור ובמבצע סיני. במשך שנים רבות עשה מילואים ביחידות ההנדסה השונות וכן במסגרת יחידות הבינוי של חיל האויר.

באזרחות, כמהנדס אזרחי, שימש בשנות ה-40 בתפקיד מהנדס המועצה האזורית גזר, ומהנדס המועצה המקומית רחובות. בראשית שנות ה-50 הקים משרד לייעוץ ותכנון של כבישים ושדות תעופה, אשר גדל ושגשג במשך השנים, העסיק מהנדסים, טכנאים ושרטטים רבים וביצע עבודות תכנון ופיקוח עבור משרדי ממשלה ושלטונות צה"ל.

בן-ציון היה המתכנן הראשי של נמל התעופה בן-גוריון בשנות השישים והשבעים ובן אחד מבכירי המתכננים של מרבית שדות התעופה של חיל-האויר בשנים הללו.

משרד היעוץ שהקים, וכן הוא עצמו כמהנדס, נחשבו בחוגי המקצוע למעולים ביותר, שאינם מוותרים על האיכות לטובת הכמות. הוא "גידל" דור שלם של מהנדסים ומתכננים שהודות לו המהווים היום את עיקר הממסד ההנדסי הפרטי בשטח הכבישים ושדות התעופה.

בתחילת שנות השמונים, עקב פגיעה חמורה בראייתו, נאלץ לצמצם את פעילותו המקצועית.

כאדם היה בן ציון נעים הליכות, ג'נטלמן אמיתי, איש חכם ונבון שכל ידידיו הוקירוהו, תכונות עליהן שמר עד יומו האחרון.

בן-ציון ליבנד נפטר בגיל 86 ביום 10.10.01.

**הבן עודד**

*



## יעקב ליבנד ז"ל

נולד בפולין בעיר לובלין ב-1.1.1918.

סבתו איטה פרייזינגר היתה עובדת סוציאלית אשר שמשה. בקהילה כקופת צדקה ומגן דוד אדום באחת. היא טיפלה בעניני ציבור של 30,000 יהודי לובלין. היא הִיתה מוצאת תשובה ופתרון לכל הבעיות הכאובות והבוערות. בין היתר טיפלה הסבתא הנערצת בשחרור של בחורים יהודים מצבא הצאר - לעיתים על ידי הטלת מומים קלים בצעירים.

אחד הצעירים שבאו להשתחרר מהצבא היה משה ליבנד. הוא התאהב בבתה הינדה פרייזינגר - הם נישאו ונולדו להם שלושה בנים - בן-ציון, יעקב ושאול.

יעקב גדל בבית ציוני והתחיל ללמוד עברית בגיל 7. כשהיה בן 11 ודבר עברית צחה, נבחר כנציג בית-הספר לברך את המרצה האורח זאב ז'בוטינסקי.

לאחר סיום לימודיו בגימנסיה התכוון יעקב לעלות ארצה ללימודים אקדמיים. אחיו בן-ציון כבר היה בארץ ולמד בטכניון בחיפה. אולם עקב מצב כלכלי,

דחה את תכניותיו ונרשם בינתיים ללימודי טכנאות שיניים וגרפיקה.
בספטמבר 1939 פרצה מלחמת העולם והגרמנים כבשו את פולין. יעקב שיצא לביקור קרובים בעיירה קטנה ומרוחקת מלובלין, לא חזר העירה משום שנודע לו שהגסטפו כבש את לובלין.
הוא הצטרף לקבוצת חברים והגיע לעיר לבוב (שהיתה בשליטה רוסית) בה עבד בעבודות מזדמנות עד שנעצר על ידי הרוסים ללא דרכון והוגלה לצפון הרחוק ליער ליד העיר ארכנגלסק שבסיביר.
יעקב שהועסק בעבודה מפרכת שעיקרה היה כריתת יערות והובלת העצים, חלה והיה על סף המות. הוא ניצל הודות לחבר פולני שטיפל בו במסירות.
יעקב שוחרר לאחר 14 חודשי עבודה בעקבות הסכם בין רוסיה לבין ממשלתה הגולה של פולין ונסע דרומה לקוקז.
בתום המלחמה חזר ללובלין, אך לא מצא שריד מבני משפחתו אשר הושמדו במחנה מאידנק.
עם קבוצת צעירים נסע יעקב דרומה לאורך אירופה ועלה על אנית המעפילים כ"ג יורדי הסירה, בדרכו לארץ-ישראל. האניה נתפסה על ידי הבריטים והמעפילים ובהם יעקב הוגלו למחנה מעצר בקפריסין.
לאחר שחרור העצורים מקפריסין ועליתו לארץ בשנת 1947 התגייס לפלמ"ח והשתתף בפריצה לירושלים עם חטיבת הראל.
תעודתו מפולין של לימודי הגרפיקה אפשרה לו להתקבל לעבודה בארץ.
בתחילה עבד בדפוס הותיק לוין-אפשטיין בהכנת פלקטים ובולים וכן בהפרדת צבעים לדפוס ואחר כך עבר לעבוד במחלקת המדידות הממשלתית בתל-אביב במדור למפות, בו עבד עד פרישתו לגמלאות, בשרטוט מפות צבאיות.
לאחר מות אשתו מירי בשנת 1976, התמסר יעקב ביתר שאת לציור ולפיסול, ציוריו מלאו את ביתו ופסלי הקרמיקה שלו היו מתנה מבוקשת בקרב ידידיו, קרוביו ומכריו. יעקב עסק גם באיור ורישום הומוריסטי וחלומו היה להוציא ספרון בנושא.
בשנה האחרונה התגורר יעקב בבית-אבות "משען" ברמת אביב, בו הנחה את החוג לציור, כמו כן ערך תערוכה של ציוריו במקום, וזכה להוקרה רבה בעקבות פעילותו ההתנדבותית.
יעקב היה פעיל ונמרץ עד לתקופה האחרונה, כשלרוע המזל מעד, שבר את רגלו וכתוצאה מכך התדרדר מצבו הבריאותי והוא לא יצא עוד מבית-החולים.
יעקב ליבנד נפטר בגיל 83.5 ב-21.10.01, 11 יום לאחר מות אחיו בן-ציון.

**עודד ליבנד (אחיינו)**



## ליאון שרמן ז"ל

נולד בלובלין ב־1919 וגר בעיר עד 1940. הגיע ארצה ב־1948, התגורר במושבה הגרמנית בירושלים. עבד כחייט. איש צנוע אוהב האדם ולובלינאי מסור.

אברהם שרמן



## זאב פלד ז"ל

בן רוזה שבל ז"ל שנספתה בשואה. נולד בלובלין בשנת 1923. עם פרוץ מלחמת העולם השנייה בהיותו נער הצליח לברוח מידי המרצחים ליערות רוסיה ובנדודים קשים שרד את התקופה הנוראה. את אמו רוזה שבל ז"ל לא זכה לראות עוד.

בהיותו בן 24 בשנת 1947 עלה ארצה באוניית מעפילים, נתפס ונפצע בידו בידי האנגלים ונכלא בכלא בית ליד. בת"א הכיר את רעייתו שרה ונולדו להם שני ילדים.

דבר לא מנע ממנו להיות נעים הליכות, מנומס, נדיב ומתחשב בבריות, אוהב אדם וחיים!!!
אדם עם חיוך על שפתיו והעניק חום רב לכל הסובבים אותו ובעיקר שפע חום ואהבה לבני משפחתו.
בשנותיו האחרונות חלה במחלת לב קשה ונלחם בה בכל כוחו!

ביום א' כ"א חשוון תשס"א נדם לבו.
אבדה כבדה לבני משפחתו וידידיו.
אוהבים ומתגעגעים.
יהי זכרו ברוך.



## סוכער פאכטשאש ז"ל

פון קאנאדע איז אנגעקומען די טרויעריקע ידיעה, אז דארט איז נפטר געווארן אונדזער לאנדסמאן סוכער פאכטשאש, אין עלטער פון 80 יאר. פאר די 10 יאר פון וועלכע ער איז געווען אין ישראל, האבן מיר געהאט א געלעגנהייט צו דערקענען א טייערן, גוטהארציקן און געזעלשאפטלעבן ייד, וואס איז געווען אינגאנצן אדורכגענומען מיט לובלינער הכנסת־אורחים, חברישקייט, הארציקייט און טריישאפט.
סוכער האט זיך אויסגעצייכנט מיט דער אויפריכטיקער זארג פאר די נויטבאדערפטיקע משפחות אין ישראל און יעדן ערב ראש־השנה און ערב פסח פונאנדערפירן מיט זיין אויטא די באשיידענע שטיצע, וועלכע מיר פלעגן צוטיילן. ער מיט זיין טרייער פרוי פאלע האבן זייער אפט איינגעלאדן צו זיך אהיים, אין ראשון־לציון, אייניקע לאנדסלייט מיט קאמיטעט־מיטגלידער, ווו מ'האט פריילעך פארברענגט אין זייער גאסטפריינטלעכער שטוב.
סוכער האט שטענדיק געהאלפן דעם קאמיטעט ביים צוגרייטן די אזכרה, יום העצמאות פייערונגען און אנדערע אונטערנעמונגען.
זיין בענקשאפט נאך די קינדער האבן אים נישט געגעבן קיין רו און ער איז געווען געצווונגען צוריקפארן קיין קאנאדע.
זיי געטרייסט, ליבע פאלע, צוזאמען מיט די קינדער און אייניקלעך. מיר וועלן סוכערן געדענקען נאר צום גוטן.
כבוד זיין אנדענק.

**ד. ש.**

The Organization of
Lubliners in Israel and
the Diaspora
Wishes to announce
the passing of our friend
**Isak Pachciarz**
may he rest in peace
11 June 1917 - 21 March 2001

## בלהה ויצנבליט לבית אברמסקי

**בת דודה של חנה ווקסמן (טורקלטאוב)**

בלהה עלתה ארצה יחד עם הוריה בשנת 1924, בגיל 11. כאשר המשפחה התיישבה בכפר עטה נשלחה בלהה ללמוד בבית הספר החקלאי בנהלל.
כאשר סיימה את לימודיה וחזרה לעבוד במשק החקלאי של המשפחה עם שאר אחיה, פגשה ביהודה ויצנבליט, בוגר בית הספר החקלאי במקווה ישראל, שבה לעבוד במשק כפועל שכיר.
הזוג החליט להינשא בירושלים, בה גדל יהודה. את החופה ערך הרב קוק זצ"ל.
נולדו להם שני בנים - שמואל ויגאל שגדלו לתפארת.

בלהה הייתה תמיד מעורה בכל הנעשה בישוב. לפני קום המדינה הייתה חברה ב"הגנה", עברה קורס חובשים וטיפלה בפצועים, הייתה פעילה בוועד ההורים בבית הספר בו למדו בניה. חבריהם של בניה היו נוהגים לבוא לבקר אותה כאילו הייתה חברתם, בת גילם, שכן תמיד מצאו אצלה אוזן קשבת.

עד קום המדינה ניהלה את משק ביתה ועבדה במשק החקלאי של משפחת אברמסקי. מאחר וכל הגברים גויסו למלחמה נאלצה המשפחה לחסל את משק החי (את הרפת והלול הגדול), אולם בלהה השאירה לעצמה פרה אחת ולול לעוד מספר שנים. לאחר שאף משק קטן זה חוסל, היא הרגישה שחסר לה משהו לכן לקחה על עצמה לטפל בילדים ממשפחות קשות יום, גידלה אותם אצלה בבית כמשפחה אומנת.
בלהה היתה חברה פעילה בלשכת בני ברית "אושה" בקרית אתא, התנדבה לעזור בבסיסי צה"ל, טיפלה בזקנים מוגבלים ועוד. ואם כל זה אינו מספיק, אז עוד בחייה היא תרמה את גופתה למדע.
בלהה הייתה אהובה ומקובלת על כל מקורביה ותמיד מוכנה לעזור לכל נזקק.
בשנת 1983 נפטר יהודה בעלה. לאחר מותו הגבירה בלהה את פעילותה ההתנדבותית.

בלהה נפטרה ממחלה ממארת ב־6 במאי 1994. השאירה אחריה שני בנים, ששה נכדים ושלושה נינים.
בלהה הובאה לקבורה בהר המנוחות בירושלים.
בלהה ויצנבליט היא בת לאסתר (מבית טורקלטאוב) ושמואל אברמסקי.
לבלהה היו 3 אחים: שרגא אברהמי, אהרן אברמסקי ויוסף אברמסקי שהוא הצעיר.
אלה אוטולנוגי היא בת של אהרון אברמסקי.



teatrnn.pl

## דורה קריגר ז"ל

דורה קריגר לבית אינשטיין נולדה בלובלין ב-24 לאפריל 1912. ערב מלחמת העולם השניה גרה ברחוב נצאלא בעיר, מול הגימנסיה ההומנית, שם גם סיימה את חוק לימודיה.

בשנת 1935 נישאה למיכאל קריגר, יליד לובלין ובוגר גימנסיה של שפר, ובשנת 1936 נולד בנה יחידה, כותב שורות אלו.

עם פרוץ המלחמה מצאה המשפחה את עצמה נודדת בערבות רוסיה והגיעה עד סיביר. בברית המועצות גוייס בעלה מיכאל לצבא הפולני שהוקם ע"י הרוסים, על שם "קושצ'יושקו" (וונדה ווסילבסקה), בתום המלחמה שבה המשפחה והתאחדה.

בשנת 1945 הורשתה המשפחה לצאת את פולין בדרכה לארץ ישראל, אך רצה הגורל ועלייתם נעכבה עת התבקש מיכאל ע"י הסוכנות היהודית לשמש ראש הועד היהודי בפסאו, גרמניה, שם שהו עד 1949. בתום השרות מטעם הסוכנות עלתה המשפחה של דורה קריגר לארץ ישראל על סיפון האוניה "גלילה" שהפליגה מנמל מרסיי, צרפת.



דורה ומשפחתה החלה את חייה בארץ ביפו, ומשם עברה לתל-אביב, שם עבדה דורה בצרכנייה השיתופית (לימים הקו-אופ).

דורה קריגר מרובת הכשרונות החלה לצייר והגבירה את כשרונה בלימודי ציור בסדנתו של הצייר ברוך אלרון. דורה איבדה את בעלה בגיל צעיר של 54. האירוע הטראגי הביא אותה להרחבת והעמקת הצד האומנותי שבה ובהפקת יצירות שהחלו למלא את ביתה ובית בנה.

עד יומה האחרון חיה דורה בגפה בדירתה בתל־אביב, הייתה פעילה בקהילה והמשיכה למלא תפקידים משמעותיים בחיי בנה, נכדיה ונינה. דורה הייתה אישה גאה ועצמאית ולא הייתה מוכנה לקבל כל סיוע שהוא, שהיה מעמעם את זוהר חיוניותה והעדיפה לתת עזרה מלקבלה עד יום מותה, עת התארחה בחג בבית חברתה וקרובת משפחה אהובה במושב בשרון.

בחייה זכתה לראות נכדים ונינים אשר פיצו אותה על תלאות חייה בחו"ל ובדידות אלמנותה המוקדמת, ואף זכתה לשיבה טובה ומות נשיקה.

יהי זכרה ברוך.

**בן ציון קריגר**

---

## זקנתי

ציפורה ווייסלפיש

**אל נא תפרשי צעיף**
**בפניי עיניי,**
**בהירות שתהיינה לראות**
**מראות נוף מרהיבים,**
**נהרות זורמים,**
**הרים מושלגים.**

**בהתבונני במירקע**
**לנדוד שאוכל**
**למרחבי עולם**
**ביופיו של פרח**
**להזין עיניי**
**והמאור – איתן.**

**זקנתי,**
**אל נא תאטמי אזני**
**משמוע צלילים,**
**פטפוטי ילדים,**
**מילות שיר**
**צלילי מוסיקה ערבים**

**בטעם שארגיש,**
**בריחות אתבשם**
**של פריחת התפוז.**
**חושיי שלא יקהו**
**לשמחת אדם**
**לעצב קשובים יהיו.**

**להישאר עם חושי**
**הנה אני**
**זקנתי,**
**עד בוא**
**יומי.**

*קבוץ מרחביה*
*2.12.1997*

# תרומות ○ באשטייערונגען

| שם התורם | הסכום | מס' הקבלה |
|---|---|---|
| הרץ אליהו | 150.– | 2551 |
| גרטנקראוט מרדכי | $500.– | 2552 |
| מילשטיין משה | 150.– | 2553 |
| אופשלק ישראל | 50.– | 2554 |
| הרשטיין אהרון וצשה | 100.– | 2555 |
| ז'יטומירסקי חנה | 200.– | 2556 |
| פולברמכר צילה | 50.– | 2557 |
| לדרמן אליעזר | 50.– | 2558 |
| דקר יוסף | 250.– | 2559 |
| דקר משה | 250.– | 2560 |
| גושצ'בסקי ישראל | 100.– | 2561 |
| פינקר בלה | 100.– | 2562 |
| הוכברג אנה | 200.– | 2563 |
| פישר צשה | 100.– | 2564 |
| פרידמן ברוניה | 100.– | 2565 |
| גילדמינץ חוה | 50.– | 2566 |
| גילדמינץ לאה | 100.– | 2567 |
| מנדלמילך משה | 100.– | 2568 |
| פנסטרמכר צדוק | 70.– | 2569 |
| הלברשטאדט אהרון | 50.– | 2570 |
| בורשטיין אברהם | 50.– | 2571 |
